# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאַנג — יאנואר 1947 לאָנדאָן — נומער 1 (העפט 84)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

דער ערשטער שריט צו אַ יידישער מלוכה — ** . . . . 1
דער פייערלעכער פתיחה־טאָג (באַריכט פון קאָנגרעס)
— יוסף איינזענבערג . . . . 4
קדיש, מיין מאַמען צום אָנדענק (לידער) — יצחק ווינער . 9
איינדריקן פון באַזעלער קאָנגרעס פונדערווייטנס
(פעלאַטאָניסטיש) — נחום שטענצעל . . . 11
צענויפאָר פון יידישע שרייבער (באַזעל) — זיינוול דיאַמאַנט 13
וויאַזוי צוויי אָרעמבענדער האָבן פאַראורזאַכט אַ רעוואָלוציע
(פאַנטאַזיע מעשה) — משה עובד . . . . 17
דער אָנהויב פון סוף (דערציילונג) — י. ביעטש . . . . 20
די לבנה שלאָפט אויפן פענצטער (לידער) — דוד זיידענפעלד 28
איך זי און ער! (פעלעטאָן) — קיטי בראון . . . . 30
ביים קאַמין (ליד) — ש. זאַלקין . . . . . 33
אין נעפל, פרישער שניי, און אַנדערע (לידער) — א. נ. שטענצל 34
שטימונגען (צום יאָר 1947) — פרץ זילבערבערג . . . 38
וואָס איז דען דער זינגער (ליד) — משה עובד . . . 39
„אונטערן האַקנקרייץ" (באַטראַכטונגען צו זיינוול
דיאַמאַנטס בוך) — אליהו פאַלושאַק . . . 40
שטודיעס אין אַלט יידישער ליטעראַטור (יידישע פריוואַט בריוו
פון יאָר 1567) — משה סאַנדערס . . . 44
רעזשיסאָר יעקב ראָטבוים קומט קיין לאָנדאָן (נאָטיץ) . . . 48
40 יאָר יידיש טעאַטער (רעדע ביי דער פייערונג) — ש. . . . 49
אַ טעאַטער דעלעגאַציע קיין אַמעריקע (נאָטיץ) . . . 53
אַ בריוו פון די באַקאַנטע שוישפילער וויסליץ און פאַטאַשינסקי . 54
אַ לעבעדיקע צייטונג אין יידישן קולטור קלוב (באַריכט) — מ. ש. 55
גרוסן פון יידישן קעמפער אין האַלב באַפרייטן אייראָפּע — א.מ.א. 56
זעקס חדשים „ייוואָ" אַרבעט אין לאָנדאָן (באַריכט) . . . 57
„ליכט און לאַטקעס" (אימפּראָוויזירטע חנוכה פייערונג) — א.ח.פּ. . 59
איינדרוקן פון די קינדער היימען אין פראַנקרייך — א. ברענער 61
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ . . . . . 63
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָקס . . . . . 64

**פרייז 1 שילינג**

אַבאָנענטס־פרייז :—13/6 פאַר אַ יאָר ;
אין אויסלאַנד :—3 דאָלאַר אַ יאָר
1/3 פאַר אַ פּראָבע נומער
אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

מיר באַטייליקן זיך אין דעם טרויער פון דעם פּלוצלונגען טויט
פון דעם באַקאַנטן און באַוואוסטן פּובליציסט און כּלל־טוער
רעדאַקטאָר פון „מאָרגען־זשורנאַל", ניו־יאָרק

## יעקב פישמאַן ז"ל

רעדאַקציע „לשון און לעבן" „פריינט פון יידיש לשון"

---

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צום טויט פון פרי־פאַרשטאָרבענעם
באַקאַנטן יידיש־סאָוויעטישן דיכטער

## עזרא פינענבערג

געשטאָרבן פון זיינע מלחמה־וואונדן

רעדאַקציע „לשון און לעבן" „פריינט פון יידיש לשון"

---

## וויכטיק פאַר אונז און פאַר אונזערע לייענער

מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן אין צושיקן אַדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אַן אינטערעס פאַר אונזער זשורנאַל און אַזוי אַרום שטאַרקן אונזערע קולטורעלע אַרבעט. איר קענט פאַרשטיין, אַז ביי אונזערע לאָקאַלע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אַדמיניסטראַטיוון און טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאַר אַזאַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן", וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה יאָרן מיט אַזוי פיל האָראָוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב, און וואָס האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאַנד און מ׳וז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאַנד.

אונזערע חשובֿע אַבאָנענטן, וועלכע באַקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאַל און האָבן נאָך נישט באַצאָלט דעם אַבאָ־נענטס־פּרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באַטרעפנדע סומע:

13/6 פאַר אַ יאָר. אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

ווענדט זיך אין אַלע ענינים צו אונזער סעקרעטאַר א. פּאַלושאַק.

E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.

די רעדאַקציע

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- L.6289 870
LC. 1935/4

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1947 לאָנדאָן נומער 1 (העפט 84)

## דער ערשטער שריט צו אַ יידישער מלוכה

I

דער ציוניסטישער 22־טער קאָנגרעס, אויב ער איז נישט געווען, אין ענגען זין פון וואָרט אַזוי צוזאָגן, אַ קאָנגרעס פון אַ פּאַרטיי בלויז, איז ער עס נאָר אינם פּרט לגבי חוץ, אין פּאָליטישן יידישן קאַמף איצט. וואָס האָט זיך אַזוי צוגעשפּיצט. — אויפן שפּיץ־מעסער! — וועט קיין שום ייד נישט וואַגן זיך צו שטעלן אין וועג וועלכע נישט איז דערגרייכונג — בשעת חורבן איז „תּפסת מועט תּפסת" אויך שוין אַ שטיקל נצחון... עס וועט קיין שום ייד, אין וואָסער פּאַרטיי ער זאָל נישט זיין, קומען יעצט מיט טענות צו דער ציוניסטישער פּאַרטיי, — איר וועלן דווקא אויפוויזן דעם פאַלטשן וועג וואָס זי איז געגאַנגען, די טעותים וואָס זי האָט געמאַכט. — בשעת מיר שטייען אַלע פּנים אל פּנים קייגן אַזאַ בלוטיק פאַלטשער וועלט.

אויב אָבער אין אינערלעך גייסטיקע ענינים די ציוניסטישע פּאַרטייען וועלן נישט אָננעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך און יידישע קולטור שאַפונגען, וועט דער גייסטיקער קאַמף פון אַנדערע יידישע פּאַרטייען קייגן זיי מוזן ווערן אַן עפנטלעכער און ביז גאָר אַ שאַרפער. זייערע אומפּעאיקע שטאַב־בעאַמטע, מיט זייערע משרתים און קריכנדיקע יוצר־משרתים און סתם פלאַכע פאַרשווינען מכל המינים פון דער „ציוניס־טישער מלוכה", זאָלן נאָר נישט מאַכן דעם פינצטערן טעות, אַז זיי זיינען דאָס טאַקע דאָס גאַנצע יידישע פאָלק לגבי פּנים; און ווען אפילו יאָ, האָבן זיי שוין דאָס מלוכהשע רעכט צו זייער חוצפּהדיקן בטול און פאַרשווערטן חוזק צו דער יידישער שפּראַך און די גלות שאַפונגען...— —

אפנים, אַז זיי זיינען אומפּעאיק, אָדער צו פויל זיך אַרויסצואַרבעטן וועלכע ס׳איז פּאָזיטיווע אידעאָלאָגיע אין יהדות, ווילן זיי זי דערגרייכן מיט ניהיליסטישן בטול און ניגירן. מיט נעגאַציע אָבער קאָן מען גאָר נישט דער־גרייכן! אַ חוץ: אַספּיראַציעס וועלכע מ׳האָט אפשר יאָ, גאַנץ צו באַגראָבן!! מיט כּסדרדיקן אונטערגראָבן בלייבט מען ליגן אונטער אַ וואַנט, „קבורת חמור"....

אויב ציוניסטישע פירער ווערן זיך יעצט קלאָר און ווייסן שוין געווי, אַז יידישע פּאָליטיק קאָן ווערן אַ געפערלעכער ענין, אויב זי ווערט נישט באַהאַנדלט בכבוד־ראש, זאָלן זיי ווייסן, אַז פאַרנאַכלעסונג און בטול־באַצי־

TOWER HAMLETS LIBRARIES

אונגען צו גייסטיקע ענינים פון פאָלק קאָן זיך אַ סך מער נוקם זיין ווי דער גרעסטער שונא. —

אַזאַ נקמה איז אַ מידה פון די שלשה עשרי מדות של רחמים!

דאָס מזרח־יידנטום — דער טויזנט־יאָריקער, פאַרצווייגטער שטאַם, — ווי אַ ברייט איינגעוואָרצלטע שעפערישע גאַנצקייט, ווי אַ זעלבסטשטענדיקע אייגנאַרטיקע פאָרעם איז פאַרשניטן און צעבראָכן געוואָרן; די צווייגן זיינע שטאַרטשנדיקע איבער דער גאָרער וועלט, ברעכן זיך; און די פאַלנדיקע פירות, ביז זייערע זוימענדלעך וועלן ראוי זיין זיך צו פאַרוואָרצלען, ווערן צעטרעטן פון בהמה'שע פיס, וואָס די מיילער זייערע מעלה־גירה'ן — אָ, די פרעסנדיקע און אין שבע לשון צעמריטשנדיקע בעלי־חיים אָן לשון, און דאָס רינען פון זייערע סלינעדיקע מיילער — — —

איז געבליבן אַ גרויסער „רבנן קדיש“, — די יידישע שפּראַך, די יידישע ליטעראַטור! — די לעבנדיקע געבליבענע קדושה פון קידוש השם! ווילן מיר, אַז דער קדיש זאָל געזאָגט ווערן; אומעטום וואו מיר זיינען, — די יתומים פון די אומגעקומענע! — זאָל ער געזאָגט ווערן, זאָל ער געלערנט ווערן — — — אפילו אין ירושלים אין דער אוניווערזיטעט, צומאָל אין די שולן אין תל־אביב.

ווי אַמגלויבלעך לעכערלעך דאָס קלינגט, אַז דאָס מוז ערשט ווערן אַ פאָדערונג; אַזוי ווייט האָבן עס געבערענגט די „מנהיגים“ פון דער ציוניסטישער מלוכה — דאָס הייסט שוין איינמאָל אינערלעכע „גרויס־פּאָליטיק“ פון שמענדריקיזם! (יענע, — און נישט ווייניק זיינען זיי! — וואָס די מינימום פאָדערונג וועט אויך שוין אויסזען ווי אַ יידישע חוצפה — אָט זיי זיינען דאָס טאַקע די גלות־שמענדריקעם!...)

אָדער ציטערט איר איצט נאָך אפילו, אַז דער שאָטן פון די טויטע צומאָל, פון די געפאַלענע קאָן נאָך אַלץ ווערן אַ שטער פאַר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון דער עברית־שפּראַך? אויב דאָס איז אייער מורא, האָב איך מורא אַז די אמונה אייערע אין דער העברעאישער שפּראַך, ווי אין אַ נאַציאָנאַלער פּאַטענץ, איז גאָר אַ קנאַפּע... איך האָב שוין מורא, אַז אונזער ביסעלע גלויבן, אפילו בנוגע העברעאיש, איז אויך אַ שטאַרקערער! (אַ חוץ זייער גאַנצע באַציאונג צו שפּראַך און קולטור איז אַן אַפּיל־און פּאָליטיק־עסק, און דעמלט האָט עס דאָך ו י ד ע ר מיט אונז בכלל גאָר נישט קיין שום שייכות...)

* * *

דאָס איז דער ערשטער שריט וואָס מוז יעצט אָנגענומען ווערן פונם ארץ ישראלדיקן ישוב צו באַווייזן, אויב דער ישוב האָט באמת שוין אין זיך דעם גייסטיקן און אינערלעכן כוח, — די איינגעוואָרצלטע שעפערישקייט און זעלבסטשטענדיקע אייגנאַרטיקייט, — צו ווערן אַ וואַקסנדיקע יידישע מלוכה — נישט אַ מלוכה'ש־ציוניסטיש־סטראַטעגישע פּאָליטיק.

דאָס וועט זיין די ערשטע מאַיעסטעטישע און „שטאַטמענישע“ האַנדלונג, דער ערשטער זשעסט בכבוד־ראש פון אַ יידישער מלוכה.



בטול און נעגאַציע איז דער „מה שפנמתי שבספירה“, די פּאַרטייאישקייט און צעשטיקלטקייט אין אַ פאָלק, דער ביטערער טעות, דער פאַלשקייט־ברוך און דער בראָך אינם פאָלק; זיין שעפערישע שלימות צו באַשיצן און צו באַהיטן איז די גאַנצקייט פון „מלכות־שבמלכות“.

II

## 1. „די חלוקה יידן“

זיצן זיי דאָרטן די „חלוקה־יידן“,
ווי אַרום אַ נייער כותל מערבי וואַנט,
רייסן זיך בחנם די העלדזער נעבעך
און שטרעקן אויס אַ פאַרשעמטע נדבה־האַנט.

וואָס וועט מען זיי שוין אַריינוואַרפן דאָרטן,
אפילו צומאָל נישט אויף „ר' מאיר בעל הנס“!
אַז אונטער דער תציל ממות פּושקע
טשאַטעט אַ רוצח גאָר אויף אַ נייעם מת.

ווי גרויס זי איז דאָס געוואָרן די פּושקע,
אַז אונטער איר אַזאַ גרויסער מערדער ס'קאָן שטיין!
אָ, נישט אויף דער געבליבענער כותל מערבי —
אויף די „חלוקה יידן“ ס'נעמט אָן אַ געוויין.

## 2. „די באַזעלער בריק“

דער שמייכל דעמאָלט, דער צעשטראַלט צעגלעטער,
אַסיריש קעניגלעך צעקעמט אין באָרד אַריין:
מיט אַלע פעלקער צוגלייך אַ זינגער פאָלק,
איבער דער אייזערנעם בריק אַריבער צוגיין!

דאָס בילדל דעמאָלט, דאָס אָפּגעמאָלענע,
מיט ביידענע אָרעמס אויף דער פעסטער פאָרענטש־בריק — — —
איך וועל'ס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, דאָס בילדל,
און נישט דעם שטאָלץ אין מיין אויפגעריסענעם בליק.

איך וועל אָבער אויך נישט פאַרגעסן קיינמאָל,
מיין טאַטנס שמייכל דעמלט ברייט אין באָרד אַריין:
אָ, אַז מיר זאָלן אַריבער בשלום,
מוז שוין די בריק דווקא אַ פּאַפּירענע זיין...

## 3. דער „ווייס פּעפּער“

אז וויאזוי קאנען אריבער די בריק,
אז צו דעם בלוטיקן ים ס'קומט נאר נישט קיין עק,
און איז דען אזויפיל אייזן פאראנען,
א בריק אויפצובויען צו דערגרייכן א ברעג ?

נישט אויף דער בלאפערישער דעקלעראציע —
עס איז שוין פיל „זיכערער דאס ווייסע פאפיר“ !
א, אונטערערדיש זיך גראטעוועטע
קאנען אויך נאר אנקומען דורך א הינטער טיר — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
קאן מען דען ציילן די טראפן פונם ים,
פונקט אזוי צום כיטראקס חניפישדיקן בלאף,
זיין אמתן פרצוף ערשט ווען ער באווייזט,
נעמט ערשט צו זיין פארשטעקטער רציחה א סוף.

**יוסף אייזענבערג** (דענעמארק)

## דער פייערלעכער פתיחה טאג

### באריכטעט פון באזעל וועגן דעם 22־טן ציוניסטישן קאנגרעס

**I**

ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג דרענגען זיך שוין טויזנטער מענטשן ביי די אריינגענג. עס הערשט די באבילאנישע שפראך צעמישונג; אלץ שמועסט און אלץ רעדט און אויף אלערליי לשונות, ווי ארום דעם טורם פון בבל; דאך מיט דעם חילוק, וואס דאס העברעאיש איז דא אין דעם דרענגענדן המון, די מייסט באנוצטע שפראך. ווייזט אויס אז דער רבנו של עולם וויל אונדז דורך דער דאזיקער אלטער שפראך צוריק פאראייניקן, כדי מיר זאלן לייכטער קענען ווידער אויפבויען אונדזער לאנד.

פון די 7 אריינגענג זיינען נאר די צוויי אפן. די באזעלער פאליציי האבן באקומען אייליקע טעג. ארום 150 פריינדליכע אבער באשטימטע פאליציסטן רעגולירן דעם צושטראם. דער געדראנג איז אומגעהויער גרויס. מענטשן וואס האבן ניט באקומען קיין אריינגאנגס קארטן ווילן באצאלן ביז 500 שווייצער פראנק, אבער קיינער וויל זיך פאר קיין געלט שיידן מיט זיינע, מיט אזוי גרויסער מי דערווארבענע איינטריטס קארטע. אין דעם קאלאסאלן פאדערהאל, פירן מאנומענטאלע מארמאר טרעפן ארויף צו די אויבערשטע רעגיאנען, וואו עס געפינען זיך אין די הונדערטער רוימען, קלענערע און גרעסערע זאלן, פאר די פארשידענע און שטארק פארצווייגטע טעטיקייט! אחוץ, נאטירליך א גרויסער זאל וואו דער פלענום האלט אפ זיינע זיצונגען, אין וועלכן עס גייען אריין



איבער צוויי טויזנט מענטשן. אויף דער בימע זיצן די עקזעקוטיווע, ועד הלאמי, די יידישע אגענץ, מיטגלידער פון ועד הפועל, ק.ק.ל. ק.ה. און א גאנצע רייע חשובע געסט און דיפלאמאטן. עס זיינען רעפרעזענטירט אלע גרויס מעכטע און א גאנצע רייע פון קלענערע לענדער, דענעמארק דורך דעם גענעראל־קאנסול אין באזעל. פון די גרויס מעכטע פעלט נאר ענגלאנד. נאר זי איז שוין אין יאר 1939 אויפן קאנגרעס אין גענעווע אויך נישט געווען רעפרעזענטירט. אויף בײדע זייטן פון דער טריבונע צוויי גרויסע ווייס־בלויע פענער מיט מגן־דוד'ס און אין מיטן אויף דער טריבונע א קאלאסאל איבערדימענסיאנירט בילד פון דר. טעאדאר הערצל, אין וועמענס גייסט דער קאנגרעס וועט דארפן באהאנדלען די ברענענדע און אזוי שטארק אנגעווייטיקטע פראגן. ענטלאנג דער טריבונע, ביי די 20 טישן זיינען גרופירט 300 פרעסע־פארטרעטער פון דער גארער וועלט, אחוץ א סך פרעסע־פאטאגראפן, וואס בליצן אונאויפהערליך מיט זייערע אפאראטן. די גרויסע פרעסע פארטרעטונג באווייזט די וויכטיקייט, וואס ווערט צוגעלייגט דעם איצטיקן קאנגרעס, פאר דעם ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאלק, אין צוזאמענהאנג מיט דער איצטיקער „דעמאקראטישער“ וועלט פאליטיק.

אין בײדע זייטן זאל זיינען באזונדער לאזיעס פאר די „טייערע“ געסט, און אין מיטן פלעצער פאר די 370 דעלעגירטע פון 65 פארשידענע לענדער אין דער וועלט. לענגער אונטן און אויפן באלקאן פלעצער פאר געוויינליכע געסט צו 35 פראנק.

עס זיינען דא יידן פון ניו־זעלאנד, אסטראליען, טוניס, זיד־אפריקא (יאהאניסבורג), שאנכיי, טריפאלי, יעמען און סקאנדינאוויען. פון דענעמארק איז דעלעגירט דר. מארקוס מעלכיאר. באזונדערס שטארק זיינען רעפרעזענטירט די אמעריקאנער און די ארץ ישראלדיקע יידן.

די אמעריקאנער זיינען זאטע און גוט געקליידעטע, באזונדערס די פרויען זיינען געקליידעט אין טייער פעלצן און דאמען־חפצים; אפט טראגן די דאמען בייטאגיקע פעלצן און אנדערע צו די אוונט־סעסיעס. דאקעגן איז די ארץ־ישראלדיקע רעפרעזענטאנץ א שטארקער, פון דער זון געברוינטער בויער מיט געוויינטליכע קליידער און שטארקע הענט און א ווילן ווייטער צו בויען, טראץ אלע שטערונגען, די נעכטיקע אינטעליגענץ, שטודענטן פון פארשידענע לענדער, היינט ארבייטער וועמענס בליק שטראלט מיט גרויסער האפנונג פאר דער צוקונפט !

מען טרעפט אויך א גאנץ קליינע צאל פארטרעטער פון דעם אמאל אזוי גרויסן יידישן ישוב אין פוילן, וואס פארטרעט איצט אבער נאר דעם שארית ישראל פון דארט. עס זיינען דא אויך אייניקע פארטרעטער פון די נאך עקזיסטירענדע לאגערן אין די פארשידענע אייראפעאישע לענדער, און וועלכע שפיגלען אפ די לײדן און שמאך וואס עס זיינען אדורך די יידישע מאסן, אונטער דעם נאצי־רעזשים.

דעלעגאטן צום קאנגרעס און צו די פארשידענע פראקציאנס־קאנפערענצן,

מיט די געסט, באַטרעפט דער אינוואַזיאָנס קאָנטיגענט העכער 3000 מענטשן. עס איז אונמעגליך געווען אַלע די מענטשן אונטערצוברענגען אין האָטעלן, אָבער מיט דעם פריינדליכן באַמיען זיך פון דער באַזעלער, מיינסטענס נישט יידישער, באַפעלקערונג, איז געלונגען אַ גרויסן טייל פון די צוגערייזטע אונטערצוברינגען אין פריוואַטע היימען. און אַבוואָל די לעבנסמיטל־ראַציאָנירונג איז אַ קנאַפּע און שטרענגע, — דאַרף קיינער נישט צו הונגערן, אויב מען האָט נאָר געלט, ווייל די רעסטאָראַנען סערווירן רייכלעך און זאַט עסן.

.2

דער קאָנגרעס האָט זיך געזאָלט עפענען דעם 9־טן דעצעמבער אַזייגער פיר, נאָר אַזוי ווי דער צוטריט צום קאָנגרעס ווערט זייער שטרענג קאָנטראָלירט, די איינגאַנגס־קאַרטן מיט די פערזענליכע אידענציטעט דאָקומענטן; מען האָט נישט געוואָלט לויפן וועלכע עס איז ריזיקע, פון וועלכער זייט עס האָט נישט געזאָלט קומען און דעריבער איז די עפענונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף גאַנצע 30 מינוטן.

יעדער פּלאַץ אין זאַל איז באַזעצט, אויך די טריבונע. ווי נאָר פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, האָט זיך די פאַרזאַמלונג שפּאַנטאַן דערהויבן און אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט מינוטן לאַנג געהילכט. מען האָט עמפּפאַנגען דעם פרעזידענט צון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכער, דורך אַלע די ליידען פרניותן און ענטוישונגען, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן, האָט זיך שטאַרק געעלטערט. די פאַרזאַמלטע האָבן דערמיט געוואָלט אויסדריקן דעם צוטרוי און שטאַרקן ווילן פאַרטצוזעצן די מיט אַזוי פיל וויי, בלוט און טרערן דורכגעזאָפּטע אויפבוי־אַרבייט.

מיט פּשוטע ווערטער, אָן צערעמאָניעס, עפנט ד״ר ווייצמאַן דעם קאָנגרעס. קיין גרויסע זשעסטן, קיין שטאַרקע פייערדיקע ריידן, נאָר ערלעך טיפע און וואַרעמע ווערטער זאָגן צו, אַז „עוד לא אבדה תקותנו״: „נאָך 7 יאָר שווערן געראַנגעל, פּיין און פאַרניכטונג, אויסראָטונג אין די פאַרניכטונגס לאַגערן און קרעמאַטאָריומס, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, דאָס שטרעבן נאָך ציון, היינט שטאַרקער, ווי ווען עס איז אין אונדזער נייער געשיכטע. דער גייסט און דער ווילן צו שאַפן דעם יידישן פאָלק אַ היים, אַ נאַציאָנאַל שטאָט, איז שטאַרקער ווי ווען עס איז! די חלוציות, דער אָפּפערווילן פון ארץ ישראל־דיקן ישוב און זיין שטאַרקייט, האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. אונדערמידעט גייען מיר ווייטער אין דער אויפבוי־אַרבייט און לאָזן אונדז ניט שטערן פון וועלכן עס איז וויס־בוך, אָדער אַנדערע הינדערונגען. עס איז איצט דער ווילן פון אונדזער פאָלק אויפצוהערן צו זיין דער שפּילבאַל פון וועלכע עס איז פּאָליטישע אינטריגעס. דאָס אַמעריקאַנער יידענטום, וואָס איז איצט דער גרעסטער ישוב אין דער וועלט, האָט צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער אויפבוי אַרבעט פון דעם יידישן ארץ ישראל, אָבער אויך אַ גרויסע אחריות בנוגע דער באַוועגונג״.

נאָך דר. ווייצמאַן האָט גענומען דאָס וואָרט דער פרעזידענט פון באַזעלער



קאַנטאָן דר. פּעטער, וועלכער האָט באַגריסט דעם 22־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַלס דעם 10־טן, וועלכער ווערט אָפּגעהאַלטן אין באַזעל. אויך דער ערשטער קאָנגרעס אין אויגוסט 1897, וועלכער איז געווען דער גרונדלייגענדער פאַר די אידעען פון ווידעראויפבוי פון ארץ ישראל (דער באַזעלער פּראָגראַם) איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין באַזעל. דער באַזעלער קאַנטאָן איז שטאָלץ, וואָס זי איז פאַרבונדן מיט דער נייער יידישער געשיכטע, אין די לעצטע 50 יאָר, ביים ווידער אויפלעבן און ווידער־אויפבוי פון יידישן פאָלק און ארץ ישראל, און האָט געקאָנט געבן אַ ציל אויף איר באָדן צו די קאָנגרעסן צום אויפבוי צוועק. דער קאַנטאָן איז אויך גליקליך, אַז זי האָט געקענט דערגרייכן מיט איר נאָמען צו אַ גאַס אין תל־אביב און צו אַ וואַלד אין דער נאָענט פון ירושלים. אָבער ווי האַרציק ווילקאָמען דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל זאָל נישט זיין, ווינשט ער דאָך, אַז דאָס זאָל זיין דער לעצטער קאָנגרעס אָפּגעהאַלטן אויף פרעמדן באָדן.

עס האָבען נאָך באַגריסט איניקע האנאראציארעס, צווישן אַנדערע דער פרעזידענט פון די יידישע געמיינדן פון דער שווייץ און פון באַזעל. די זיצונג ווערט געשלאָסן נאָכדעם ווי זי האָט געדויערט איבער „2 שטונדן.

עס ווערט מיטגעטיילט, אַז די קומענדיקע זיצונג ווערט געעפנט אום 8.30.

.3

ווידער איז דער זאַל געפּאַקט, ווידער די שטרענגע באַוואַכונג פון די אַריינגענג, נישט נאָר פון דרויסן, נאָר אויך אין דעם זאַל, „סדרנים״ פּאַסן אויף מען זאָל זיך דעם פּלאַץ נישט טוישן, אַ שטרענגע, אָבער גערעכטע אָרדנונג.

אויף ביידע זייטן פון טריבונע זייגען די ווייס־בלויע פענער און דער פּראַסצעניום געהילט מיט שוואַרצן קרעפּ, און ס׳האָבן געברענט צוויי לעבעדיקע ליכט. די סעסיע איז אַ יזכור־אָוונט פאַר די איבער זעקס מיליאָן אומגעקומענע אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן און קרעמאַטאָריומס דורכן נאַציזם.

די שטימונג איז אַן ערנסטע. עס רעדט שטיל און באַהערשט אָבער אינערלעך און טיף דר. ווייצמאַן. ער זאָגט: „איך בין זיך מודה און מתודה אַז אין דער מינוט בין איך מקנא אונדזערע פריינט, די פרומע און רעליגיעזע, זיי קענען, ווי אַמאָל ר׳ לוי יצחק מבערדיטשעוו איינגראָבן זייער קאָפּ אין ארון קודש און טענה׳ן צו גאָט: איך בין געקומען מיט אַ טענה, וואָס טוסטו דעם יידישן פאָלק? הער אויף, מיר האָבן גענוג געליטן, אַ סוף זאָל עס נעמען! איך בין זיי מקנא, ווייל זייער באַציאונג צו גאָט איז איינפאַך און אוממיטלבאַרע, דאָס פעלט אונדז, דעם יונגערן דור. מיר זוכן דעריבער צו דינען גאָט אויף אַן אַנדערן אופן, מיטן גראָבאייזן אין דער האַנט, ווויסנדיק אַז דער בנין הארץ איז די גרעסטע מצוה און דעריבער האָבן פיל פון אונדז געווידמעט זייער לעבן אָט־דער דאָזיקער אַרבייט, דעריבער גלויבן מיר אַז דאָ וועלן מיר זוכן און אפשר מיט דער צייט געפינען אַ טרייסט״.

„אין דער לאַנגער יידישער מאַרטירער געשיכטע האָבן מיר איבערלעבט פאַרשידענע ענטוישונגען. נאָר דאָ מוזן מיר זאָגן דעם אמת. מיר האָבן אונ־

טערשעצט די בעסטיאַליטעט פון אונדזער שונא, און איבערגעשעצט די קלוגשאַפט הומאַניטעט פון אונדזערע פריינט. די געשעענישן זיינען צו נאָענט, מען זאָל עס קענען אָפשאַצן, נאָר די געשיכטע וועט משפטן, אַלע די שטאַרקע און גרויסע נאַציאָנען און זיי וועלן זיך ניט קענען ריינוואַשן פון זייער שולד. צי זיינען זיי בלינד געווען? צי פאַרנומען מיט זייער אייגענס קאַמף? איין זאַך איז זיכער, אַז מיטן אויסנאַם פון אייניקע גאַנץ ווייניקע קליינע נאַציאָנען, האָט קיינער נישט געהויבן אַ האַנט, אָדער די שטימע צו העלפן אונדז אין אונדזער גרויסער נויט. נאָך אין יאָר 1938, ווען די דייטשן האָבן געברענט יידישע סינאַגאָגעס און ספרי תורה, האָב איך אין אַ רעדע אין לאָנדאָן געוואָרנט די וועלט, אַז דער פלאַקער פון דייטשלאַנד וועט זיך צושפרייטן איבער דער וועלט און וועט נאָך אַפילו אָנצינדן די וועסטמינסטער קאַטעדראַלע. מען האָט זיך אָבער נישט געוואָלט, אָדער נישט געקענט צוהערן. איך בין זיכער, אַז דאָ אין זאַל און אין ארץ ישראל געפינט זיך נישט איינער, וואָס זאָל נישט האָבן פאַרלוירן אַ מיטגליד, אָדער זיין גאַנצע משפחה. אָבער דאָך זיינען מיר איצט, נאָך זיבן שרעקלעכע יאָרן דאָ ווידער פאַרזאַמלט, און טראָץ דעם וואָס מיר ווייסן ווי גרויס עס זיינען די שוועריקייטן, זעען מיר דאָך אונדזער ציעל קלאָר און מיר וועלן אים דערגרייכן. מיר ווייסן אל תורא עבדי יעקב! זיי שטאַרק, זיי שטאַרק!"

ער האָט פאַרגעזעצט: „איך בין איבערצייגט, אַז דער קאָנגרעס וועט זיך דערהויבן אויף דער הויכער מדרגה, וועלכע עס פאָדערן די הייליקע נשמות און ער וועט דינען זיין אויפגאַבע ווירדיק. און דערמאָנענדיק די קדושים וטהורים, זאָגן מיר ינוחו על משכבם בשלום. אמן!"

הרב שמואל בראד איז דער צווייטער רעדנער און זאָגט צווישן אַנדערעס:

„מיר זיינען זיך אַלע מאָל נוהג, צו דערמאָנען די חברים וועלכע זיינען פון אונדז אַוועק אויף אייביק, אָבער היינט פעלן אויף די בענק פון קאָנגרעס אַ גרויסע צאָל, וואָס געפינען זיך צווישן די איבער זעקס מיליאָן יידישע מאַרטירער אויסגעשאָכטן דורכ'ן מערדער־פאָלק. אויך די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע פעלקער באַשולדיקן מיר, מיט דער פולסטער פאַראַנטוואָרטליכקייט. ווען הונדערטער טויזנטער האָבן זיך געראַטעוועט אויף פאַרשידענע וועגן, ווער האָט זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנט? נאָר פאַרקערט, ווי דער פאַל איז מיט „סטרומא", דערטרונקען זיי אָדער געשיקט קיין מאוריציוס, און מען רעט נאָך וועגן אַ נייער וועלט אָרדנונג און פרידן". נאָך זיין שטאַרקער און איינדרוקספולער רעדע, האָט דער בריסעלער אויבער־קאַנטאָר, ה' ראָטענבערג, רעציטירט דעם יזכור און דערמאָנט אַלע לענדער וואו יידן האָבן געליטן דעם מאַרטירער טויט, וואו יידן זיינען אומגעבראַכט אַלס אונדזערע קדושים וטהורים. דער רב הראשי פון די ספרדים אין ארץ ישראל האָט געזאָגט קדיש. ביי די וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם אָונט וועט ער בלייבן אויף אייביק איינגעקריצט אין זייער זכרון.



יצחק ווינער (אַרמאַנט, עסטרייך)

# קדיש

ווידער גענומען דעם שטעקן פון וואַנדער,
געבויגן דעם רוקן פון גלות דעם לאַנגן.
דורך וועגן, דורך שטעגן, דורך צוימען, דורך וואַכן —
מיר שפּאַנען, מיר שפּאַנען צום לעצטן געראַנגל...

אַוועק כ'בין אויף שטענדיק פון לאַנד וואו געבוירן
מיין טאַטע, מיין זיידע, מיט דורות אויף דורות,
דאָס לעבן פאַרניכטעט, דערשטיקט און צעבראָכן —
וועקט אין מיר בילדער פון ווייטע זכרונות.

כ'זע דיך מיין מאַמע, מיין האַרציקע מאַמע,
ס'באַגלייט דיך צום שיסן אַ דייטשישער וועכטער,
רואיק די אויגן צום הימל געוואָנדן—
שעפּשעסט דו תפילות, פאַר זין און פאַר טעכטער.

כ'זע דיך מיין טאַטע אַ פרומען, אַ שטרענגען,
זוכסט מיט די אויגן, וואו זענען די קינדער:
ס'האָבן סאַדיסטן דיין באָרד אויסגעריסן —
ס'איז נאָך צעבלוטיקט דיין פנים אַצינדער.

כ'זע דיך מיין מיידל, מיין האַרציק־געטרייע,
ביסט שטאָלץ און שרעקלאָז אין לעצטע מינוטן:
האָסט דראָטן פון געטאָ מיט ציין דורכגעביסן —
געצונדן אַ פחד אין דייטשע באַנדיטן.

כ'זע יעדן באַזונדער, אייך שוועסטער און ברידער
געפּייניקטע, שוואַכע צום טויט ווערט געטריבן — —
בלוטיקע וועגן, אשיקע גריבער —
הייליקע קברים פאַר דורות געבליבן. —

גענומען דעם גורל אין דלאָניעס אין פעסטע,
צעבראָכן די טירן פון גלות דעם לאַנגן,
דורך וועגן, דורך שטעגן, דורך צוימען, דורך וואַכן —
מיר שפּאַנען, מיר שפּאַנען צום לעצטן געראַנגל...

## מיין מאַמען צום אָנדענק

אין דער שטוב, בין איך אַליין,
איך — אַ גוף פון הויט און ביין
און האַרץ — וואָס קלאַפּט אין מיר אויף גיך,
אַט אינגאַנצן — דאָס בין איך...

דורך פענצטער מיינעם טריפט אַריין,
אָוונט׳ס טונקלדיקע שיין,
מער איז קיינער דאָ ניטאָ —
אין דער חושכדיקער שעה...

נאָר אין ווינקל, נעבן טיר,
ווער געקומען איז צו מיר?...
שלייכט זיך שטן ווי אַ גוף,
הער איך שטיל אַ קול, אַ רוף....

„זון מיין ליבער, קדיש מיין,
דו געבליבן ביסט אַליין,
כ׳האָב דיין טרויער־ליד דערהערט
אין מיין ווייטער, טיפער ערד....

זון מיין ליבער, זע דיין מאַמען,
כ׳בין מיט טויזנטער צוזאַמען
אומגעקומען, פאַר דעם כבוד —
פון פאַרשעמטן מגן־דוד....

נאָר די קינדער׳ס ווייגען — קלאָגן,
ניט געקאָנט, כ׳האָב דאַן פאַרטראָגן....
זע דו זאָלסט זיי ניט פאַרגעסן —
יענע גרויליקע מעת־לעתן"...

## די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

וועלכע קומען פאָר רעגעלמעסיק יעדן שבת, שוין דאָס 9־טע יאָר, יעדן שבת 3 אַ זייגער. וועלן פון היינטיקן חודש אָן און כסדר זיין אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, בערנער סטריט, 33, א.1.

### שבת דעם 11טן — אַ פייערלעכע חנוכת הבית



נחום שטענצל

## איינדרוקן פונם באַזעלער קאָנגרעס פונדערווייטנס

### די „שפחה" פאַרנעמט דעם אויבאַן...

ביים 22־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל — ערב 1947 — האָט די שפחה־יידיש פאַרנומען דעם אויבנאָן; דאָס איז אפשר דער בעסטער און שענסטער אויסדרוק פון זכרון און שעצונג פאַר די אומגעקומענע מיליאָנען מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וועמנס דעלעגאַטן האָבן געפעלט אויפן קאָנגרעס.

די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן געקוקט מיט בטול אויף דער „שפחה"־יידיש, ווייל זי האָט געטראָגן שמאַטעס אויף איר שיינעם, יונגן לייב, האָבן סוף־כל־סוף דערזען דעם בחנ׳טן יידישלעכן רייץ, וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדער פון אירע תנועות און אין יעדן „קוועטש" און „קנייטש" און — דווקא אין באַזעל, אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט מען איר אוועקגעגעבן דעם אויבנאָן; נישט דערפאַר ווייל ער קומט עס איר, נאָר פשוט ווייל מ׳קען זיך אָן איר נישט באַגיין ביי אַן אינטערנאַציאָנאַלער יידישער כנסיה און — ווייל זי האָט נאָך אַלץ ביי אונז יידן אַזאַ שטאַרקן „סעקס־אַפּיעל"...

מילא, אַז דער אַלטיטשקער חיים ווייצמאַן וואָס האָט נאָך אין זיך וואַרעמקייט פון די פינסקער בלאָטעס, איז זיך מחייה ווען ער קען זיך צעלאָזן מיט זיי רייכן, זאַפטיקן יידיש לשון, איז קיין חידוש נישט; אָבער אַז דער אַנגליזירטער פּראָפ. בראָדעצקי, דער פּרעזידענט פון דער „באָרד", פון וועמען מ׳האָט קוים אין ענגלאַנד נישט די זכיה צו הערן אַ יידיש וואָרט, זאָל אויפן קאָנגרעס האַלטן זיין רעדע אין יידיש — איז שוין טאַקע „כלו כל הקיצין"...

### „הסנה" בוער באש...

כמעט אַלע, וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם קאָנגרעס זענען מודה בפה אחד, אַז דער נייער שטערן אויפן קאָנגרעס איז געווען דער פּוילישער ייד משה סנה, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פונם וואַרשאָווער „היינט", משה קליינבוים. סיי דער תוכן, סיי דער טאָן, פון זיין רעדע האָט געטראָגן דעם חותם פון טיפער אויפריכטיקייט, גלויבן, און ערלעך־יידישן ברען. אַזעלכע יידן ווי משה סנה פּערזאָניפיצירן מיט זיך דאָס בעסטע פונם פּוילישן יידנטום, וואָס פון די קרעמאַטאָריום׳ס קומען זיי אַרויס לעבעדיקע פלאַמען, וואָס ברענען, און ווערן נישט פאַרברענט, ס׳איז דער אָפּשיין פון יענעם — „הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל".

מיר געבליבענע פּוילישע יידן מעגן זיין שטאָלץ אויף אַזאַ „משה׳לע", וועלכער האָט נישט קיין צוויי־פאַכע און דרייפאַכע לאָיאַליטעטן, נאָר אַן־אייפאַכע לאָיאַליטעט צום יידישן פאָלק און שטייט מיט פעסטע רגלים אויף „אדמת קודש"...

## די ענגלישע דעלעגאַציע

ס׳לוינט זיך שוין אָפּצוהאַלטן אַזאַ קאָנגרעס פון צייט צו צייט, בלויז בכדי צו ווייזן די ענגלישע יידן — מיט די „פּאַרענערס“ בתוכם — זייער גע־הערינען מקום ווען עס האַנדלט זיך וועגן פראַגן וואָס זענען נוגע ס׳וועלט יידנטום! אין טעג פון אַ גאַנץ יאָר נעמען זיי זיך כסדר איבער מיט זייער „בריטישקייט“ און ס׳דוכט זיך זיי אויס, אַז אויף דעם דאָזיקן קאָנטאָ האָבן זיי עפּעס ספּעציעלע פּריווילעגיעס אויף צו זאָגן אַ דעה אינם גורל פון יידן בכלל און פון ארץ ישראל בפרט עפּעס וואוינען זיי דאָך אינם לאַנד פון דער מאַנדאַטאַר־מאַכט...

אַז ס׳קומט אָבער אַמאָל אַ וועלט־קאָנגרעס, ווי דער ציוניסטישער, וועמענס דעלעגאַטן ווערן דאָך געוועלט אויף דעמאָקראַטישע יסודות, ווערט די ענגלישע דעלעגאַציע, וואָס באַשטייט פון קוים אַ מנין יידן „בטל בששים“, און האָט בלויז די דעה וואָס קומט איר לויט דער דעמאָקראַטישער נאָרמע, לא פחות ולא יותר.

## אַמעריקע האָט די מאה און די דעה...

אויב עס רעדט זיך שוין וועגן דעמאָקראַציע און וועגן ציפערן, איז עס נישט מער ווי רעכט אַז ס׳אַמעריקאַנער יידנטום זאָל מהיום והלאה באַקומען די הויפּט־דעה אין די סאַמע וויכטיקסטע פראַגן פונם יידישן פאָלק — ווי דער קאָנגרעס האָט עס דאָסמאָל בולט באַוויזן.

עס איז נישט חלילה, ווי עס קען זיך שאַפן אַ פאַלשער איינדרוק פון מיין קעפל, אַז אַמעריקאַנער יידן האָבן איצט די דעה, ווייל זיי האָבן די מאה — געלד; מיט „מאה“ מיין איך די צאָל פון זייערע קעפּ, לויט די אויסגע־קויפטע שקלים, וואָס ווערט אַדורכגעפירט לויטן פּרינציפּ: „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט“.

אָבער אַ פאַקט בלייבט אַז פון היינט אָן האָבן די אַמעריקאַנער יידן די מאה, די מטבע און די דעה, אין אַלע יידישע פאָלקס־ענינים. עס בלייבט פאַר אונז בלויז איבער צו האָפן אַז אַמעריקאַנער יידן — וועלכע זענען סוף־כל־סוף די קינדער און אייניקלעך פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן — וועלן זיך דערהויבן צו דער הויך פון זייער אחריות אין דער שווערסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק.





## צענויפפאַר פון יידישע שרייבער
## אויפן 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל

אין דער שרעקלעכער, עלנטער עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן, איז עלנטער ווי אַלע דאָס יידישע פאָלק; און אין דעם יידישן פאָלק גופא, זענען עלנטער ווי אַלע אַנדערע די יידישע שרייבער. אויב עס זענען ביי אונדז פאַראַנען פאַרשיידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַמיען זיך צו העלפן זיך שטעלן אויף די פיס דעם יידישן שריד, פעלן לחלוטין די אָרגאַניזאַציעס וועלכע זאָלן העלפן דעם יידישן שרייבער אלס אַזעלכן.

פאַרצערט און פאַרוויסטיקט איז דאָס האַרץ פון איטלעכן יידן; איט־לעכער ייד זוכט און וויל געפינען אַ באַשייד צו דעם וואָס עס איז געשען און וואָלט געוואָלט העלפן אויסגעפינען אַ תרופה אַז אַזעלכעס זאָל זיך שוין מער נישט איבערחזרן; אָבער מער ווי אַלע אַנדערע פרעסט דער צער און ווייטיק אויף דאָס האַרץ פונעם יידישן שרייבער. איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס עס האָט אַ דראַנג אַרומגענומען די יידישע שרייבער פון דער שארית־הפליטה צו זיין דאָרט, וואו עס פאַרזאַמלען זיך הונדערטער פאָר־שטייער פונעם וועלט־יידנטום; דאָרט, וואו עס וועלן זיין די מנהיגים פון דער גרעסטער באַוועגונג אינעם יידישן פאָלק; דאָרט, וואו עס וועלן זיך באַגעגענען מענטשן וועלכע לעבן כמעט אויף אַלע קאָנטינענטן פון אונדזער פּלאַנעטע. די יידישע שרייבער האָבן געהאַט אַ שטאַרקן באַגער אויסצוהערן די יידנס איבערלעבונגען אין דער נאָנטער, טרויעריקער פאַרגאַנגנהייט; אויסצוהערן זייערע מיינונגען, זייערע אָפּשאַצונגען וועגן דעם וואָס עס איז געשען און גלייכצייטיק אויך הערן וועלכע עס זענען זייערע אַספּיראַציעס אויף דער צוקונפט. זיי, די יידישע שרייבער, האָט קיינער נישט דעלעגירט, עס האָט זיי קינער נישט געוויילט און קיינער האָט זיי נישט געשיקט; אויך די אָרגאַ־ניזירער פון דעם קאָנגרעס האָבן זיי נישט אַרויסגעפאָדערט. נאָר פאַרקערט גאָר, זיי האָבן געמוזט זיך אויסקעמפן אַ בילעט, אַ שטול ערגעץ אויף דער גאַלעריע ווייל צוואָס דאַרף מען דאָ האָבן בטלנים וועלכע זינגען לידער און שרייבן נאָוועלן בעת עס ברענען די מויערן פון דער וועלט?... אָבער זיי, די יידישע שרייבער פון דער שארית־הפליטה, האָבן אויף דעם אַלעמען נישט געקוקט, און פונקט ווי זיי פרעגן נישט קיינעם צי זיי זאָלן אָנשרייבן אַ ליד אָדער נאָוועלע, ווייל פרעגט דען דער האָן עמעצן ווען ער זאָל אַ קריי טאָן?... פרעגט דען די הון איר באַלעבאָסטע אויב זי דאַרף צו האָבן אַ פרישן איי צום פרישטיק?... פונקט אַזוי ספּאָנטאַן ווי דער יידישער שרייבער אָן דיכטער האָט אַוועקגעוואָרפן די גאַנצע ראָמאַנטיק זיינע און האָט זיך גענומען אויף אַ פּשוטן אופן דערציילן פאַר דער וועלט וועגן די גרויסע, הימלשרייענדיקע

עוולות וועלכע מען האָט זיין פאָלק געטאָן — אַזוי איז ער איצט ספּאָנטאַן און אָפּט אפילו אָן די געהעריקע מאַטעריעלע מיטלען וועלכע זענען דערצו נויטיק, זיך געלאָזן צום 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.

די גרעסטע און באַדייטנדיקסטע גרופּע שרייבער זענען זיך אָנגעפאָרן פון פוילן. עס זענען געקומען: דער פּאָרזיצער פונעם יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין פוילן, לעאָ פינקלשטיין, דער שעף־רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן" וואָס דערשיינט אין לאָדזש צוויי מאָל וועכנטלעך, בער מאַרק, און ער האָט אונדז געברענגט די בשורה אַז „דאָס נייע לעבן ווערט אינגיכן ווערן אַ טאָג־צייטונג. לעאָ פינקלשטיין און בער מאַרק האָבן אונדז, חוץ דעם, אויך מיטגעבראַכט צו ווייזן זייער ערשטן באַנד פון ליטעראַרישן זאַמלבוך „יידישע שריפטן", וועלכן אַז מיר האָבן אים אַ בלעטער געטאָן, האָט עס אויף אונדז געווייעט מיט טיפער, איינגעוואָרצלטער, פּויליש־יידישער ליטעראַרישער טראַדיציע און פיינעם אייראָפּעאישן געשמאַק; עס זענען אויך געקומען: דער ליבלינג פון דער יידישער דיכטונג, דער בן־יקיר פון דער גרופּע „יונג־ווילנע", חיים גראַדע, דער פּאָעט פּאַרטיזאַן אברהם סוצקעווער, און דער יונגער דיכטער און דערציילער, אויך אַ שריד פון „יונג־ווילנע, ש. קאַטשערגינסקי זיי שפּאַצירן דאָ אַרום, חבריש, האַלטן זיך ס'רוב אַלע צוזאַמען, ווי עס פּאַסט פאַר פאָרשטייער פון אַ וויכטיקער ליטעראַרישער ריכטונג אין דער ליטעראַטור, און ווי אַ מוסטער פון אונדזער ליכטיקן און אין פייער און בלוט אומגעברענגטן ירושלים־דליטא... אויף זיין צוריקרייזע פון ארץ־ישראל נאָך אַמעריקע, וואו ער וואוינט די לעצטע אַכט יאָר, האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט דער רעדאַקטאָר פון די אַמאָליקע „ליטעראַרישע בלעטער" און היינטיקער רעדאַקטאָר פון דעם חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור", נחמן מייזל; פון ארץ ישראל זענען געקומען די העברעאישע פּאָעטן: שלונסקי און טענענבוים; און פון פּאַריז: ד"ר מאַרק דוואָרזשעצקי און מרדכי שטריגלער.

מיט גרויס אינטערעס הערן די שרייבער אויס די רעדעס וועלכע ווערן געהאַלטן פון דער קאָנגרעס־טריבונע; און אין דער צווישנצייט, טוליען זיי זיך צענויף ווי מיטגלידער פון איין משפּחה, אין די קולואַרן פון דער „מוסטערמעסע", אין דעם גרויסן האָל ביים אַריינגאַנג און אין די רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער אַרום דער קאָנגרעס־געביידע, וואו די הונדערטער קאָנגרעס־דעלעגאַטן, געסט און זשורנאַליסטן קומען זיך צענויף צום עסן. מען שמועסט זיך אַדורך וועגן יידישע פּראָבלעמען און וועגן דעם מצב פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור; און אַז עס זיצן שוין אַ צענדליק יידישע שרייבער ביי איין טיש, קומט מען שוין אויף דעם געדאַנק, אַז מען וואָלט זיך ביי דער געלעגנהייט פון קאָנגרעס געדאַרפט צענויפקומען און אַדורכשמועסן; אָפּהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, אַ מין קליינעם קולטור־קאָנגרעסל טאַקע איצט, דאָ, אין באַזעל און עס פאַלט שוין אויך פון עמעצן אַ פאָרשלאַג, אַז מען וואָלט געדאַרפט מאַכן אַ מין ליטעראַרישע אימפּרעזע פון העברעאישער



און יידישער דיכטונג; אַז די דעלעגאַטן און געסט זאָלן זיך באַקענען מיט דעם געדאַנק און מיט דעם וואָרט פון דעם יידישן פען־מענטש.

אויב דאָס וועט צושטאַנד קומען אָדער נישט, איז איצטער נאָך שווער צו זאָגן, ווייל, דאָס איז, אין דער גרעסטער מאָס, נישט אָפּהענגיק פון די שרייבער גופא, נאָר אין די אָרגאַניזירער פונעם קאָנגרעס, וועלכע האָבן לכתחילה גאָר נישט אין זינען געהאַט אַז אַזאַ מין זאַך איז אויך נויטיק... און אפילו איצט, בעת די יידישע שרייבער האָבן די אַנטשפּרעכנדיקע קאָנגרעס־לייטער דאָס פאָרגעלייגט — איז אויך נאָך גאָר מעגלעך, אַז זיי וועלן זיין אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין דער פּאָליטיק, וועלכע מיר האָבן אגב נישט בדעה דאָ צו מינימיזירן אַז זיי וועלן האַלטן דעם פאָרשלאַג פון די אַזוי גערופענע עשרה בטלנים פאַר נישט וויכטיק, און דאָס וועט נישט בלייבן מער ווי אַ פרומער וואונטש מצד דער גרופּע יידישע שרייבער. אָבער עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס זאָל יאָ צושטאַנד קומען, און די אָנגעפּרעסענע הונדערטער דעלעגאַטן און געסט, וועלן, נאָכן אויסהערן די טרוקענע, ניכטערע, פּאָליטישע רעדעס פון די ציוניסטישע מנהיגים פון אַלע ריכטונגען — האָבן די געלעגנהייט זיך צו קענען אָפּפרישן מיט די שירים און נאָוועלן פון זייערע דיכטער.

*     *     *

דערווייל איז איצט אין באַזעל אַ שטיקל ליטעראַרישער יריד: יידישע שרייבער מיט נעמען אין דער יידישער ליטעראַטור באַקענען זיך מיט שרייבער, אַזוי גערופענע „יונגע", וועלכע זענען אין רוב שוין גאָר קיין יונגע נישט... די איבערלעבונגען און די צרות האָבן זיי אַלט געמאַכט, און אין דעם געגלי פון זייערע אייגענע ליידן און פון די ליידן פון אונדזער פאַרפּייניקטן און אויסגעשאָכטענעם יידישן פאָלק — זענען זיי רייף־געוואָרן און זיי שטעלן זיך ס'רוב, פאַר די איינגעוואָרצלטע שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור איצט פאַר אַלס רייפע אָדער כמעט רייפע יידישע דיכטער. די לעצטע פּרואוון זוכן שוץ און הילף מצד די עלטערע שרייבער, און זיי שטעלן מיט ווייטיק פעסט, אַז אויך זיי זענען עלנט אין זייער צער און באַגרעניצט אין זייערע מעגלעכקייטן...

„די וועלט איז דאָך אַזוי שיין — זאָגט צו מיר חיים גראַדע — עס איז דאָ אַזאַ שיינע נאַטור, אַזויפיל פּאָעזיע און אַזויפיל שיינקייט, און איך, גלויבט מיר, האָב דורכגעמאַכט די לאַנגע רייזע: וואַרשע־פּאַריז־באַזעל מיט פאַרמאַכטע אויגן; ווייל מיך אינטערעסירט איצט מער קיין שום אַנדערע זאַך נישט, נאָר אונדזער גרויסע, יידישע טראַגעדיע"...

און די יידישע טראַגעדיע איז דאָ אַזוי בולט אויף דעם 22־טן ציוניסטישן קאָנגרעס: עס האָבן זיך אין די קולואַרן באַגעגנט סאַמע רעשטלעך פון יידישן פאָלק; און די רעשטלעך זענען זיך געפאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס, האָבן זיך צעקושט און זיך צעוויינט, יעדער פריינט, יעדער לאַנדס־

מאַן, יעדער חבר וועלכן מען באַגעגנט — איז אַ לעצטער פון אַ משפּחה, אָפּט אויך אפילו אַ לעצטער פון אַ שטאָט...

„ווייסטו דו — זאָגט איין דעלעגאַט פון ארץ ישראל צו אַן אַנדערן, וועלכער קומט אַזש פון דעם ווייטן אינדיען — עס זענען דאָ פאַראַן אפשר אַ צענדליק ווילנער! מען וואָלט זיך געדאַרפט צענויפקומען און זיך אַדורכ־שמועסן"....

אַ צענדליק ווילנער איז אַ חידוש; צענויפקומען זיך און זיך אַדורכ־שמועסן — איז דער באַגער. וויפל טראַגעדיע און גלייכצייטיק, וויפל ערנסטער זאָרג פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק ליגן אין אָט די פאָר ווערטער!... און די יידישע שרייבער, וועלכע לעבן אָן שום ספק איבער די טראַגעדיע, און ציטערן פאַר דעם קיום האומה אָן ערך מער ווי אַלע אַנדערע ניכטערע רעאַ־ליסטן און פאָליטיקער — אַנשטאָט צו געפינען אַן אָנהאַלט, אַ טרייסט, זאַפּן זיי איצט ווידער אַריין אין זיך דעם גרויסן אַלאַרם־רוף וועלכע עס צעשאַלן די מיקראָפאָנען פון דער קאָנגרעס טריבונע, און וועלכע עס קומען פון די מיילער פון די פּראָמינענטסטע יידישע מנהיגים און רעאַל־פּאָליטיקער... און אין אָוונט, ביים טיש אין רעסטאָראַן, קאָן דער רוב פון די יידישע שרייבער נישט פאַרטראָגן דאָס שאַלן פון דעם דזשאַז־אָרקעסטער, און אויך אפילו נישט די שטילע מוזיק פון די ווינער וואַלצער; דאָס פּאַרט זיך נישט מיט אונדזער געמיט... און פּלוצעם, שפּילט גאָר דער אָרקעסטער אויף דאָס פּאַטיזאַנען ליד:

„זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", און אַלע כאַפּן מיר אונטער די ווערטער און מיר זינגען אין כאָר מיט: „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", און שוין זינגט דאָס פּאַטיזאַנען־ליד דער גאַנצער זאַל; און דער פאָרזיצנדער פון יידישן ליטעראַטן פאַראיין אין פּוילן לעאָ פינקלשטיין נעמט אַרויס אַ יידישן זשורנאַל, וואו עס זענען אָפּגעדרוקט די נאָטן פון מרדכי געבירטיגס טראַגישן געטאָ־ליד „ס'ברענט", איך אַלס אַ שטיקל שווייצערישער תושב, טראָג אונטער דעם אָרקעסטער־דיריגענט דעם יידישן זשורנאַל, און אַ פאָר מינוטן שפּעטער שפּילט אונדז דער קאָסטיר־מירטער טעסינער אָרקעסטער אויס דאָס טראַגישסטע ליד פון אַלע צייטן, און מיר זינגען אַלע מיט אין כאָר: „עס ברענט, יידעלעך, ס'ברענט"....

---

פ ר י י נ ט   פ ו ן   י י ד י ש   ל ש ו ן

**זונטיק, 21טן יאַנואַר, 1947, 7.30 אָוונט**

**טוינבי האָל, 28, קאָמערשל סטריט**

**פ א ל ק ל א ר - אָ ו ו נ ט**

אויסגעפירט פון די טשעכאָסלאָוואַקישע לאַגער־קינדער אין יידישן שעלטער

לייטונג: ש ל מ ה   ק אָ ה ן — מוזיק־באַארב.: פ. ל ע ו ו י ן

פּראָגראַם: לאַגער לידער, העברעאישע און יידישע פאָלקס־לידער. אינסצע־ניזירונגען און רעציטאַציעס פון:

אברהם רייזען, געבירטיק, גליק, גערשנזאָן, משה עובד, ש. וו־הייט א.נ. שטענצל



## משה עובד

# וויאַזוי צוויי אַרעמבענדער האָבן פאַראורזאַכט אַ רעוואָלוציע

דאָ ווערט דערציילט אַ מעשה שהיה, נישט שיער, וויאַזוי צוויי אָרעמ־בענדער האָבן פאַראורזאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין לעבן פון אַ מענטשן, יאָ, און פון אונזער וועלטעלע.

אייגנטלעך האָט שוין אַזאַ מעשה פּאַסירט מיט רבקה'ן אין חומש, ווייל ווען נישט די צוויי אַרעמבענדער וואָס אברהם'ס שדכן האָט איר געברענגט, איז גאַנץ מעגלעך, אַז עס וואָלט גאָרנישט געוואָרן פון שידוך מיט יצחקן, און ווען נישט דערשידוך וואָלט דאָך די וועלט נישט געהאַט די דריי גרויסע רעליגיאָנען. און מיר נישט די דריי גלותן. אָבער דאָס איז אַ שפּעקולירנדיקע טעמע פאַר היסטאָריקער, אונזער געשיכטע איז פאַר פּשוטע מענטשן, פאַר זיי וואָס זיינען רוי מאַטעריעל פאַר היסטאָריקער.

און אַזוי הייבט זיך די מעשה אָן:

מיט יאָרן צוריק, ווען אַטאָמען זיינען נאָך געשלאָפן אין בעט פון מאַמע ערד און פון אירע ברוסטן געזויגן ווי אונשולדיקע עופהלעך און מאַמע־ערד האָט אפילו נישט געחלומט דאָס עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלן איר לעבען שטעלן אין אַ געפאַר, און איר מעבל, וואָס האָט איר גענומען ווער־ווייס ווי לאַנג, איינצוזאַמלען וועלן די אַטאָמישע לאַבעסלעך ליקווידירן מיט איין קנאַק! איז אין יענער רואיקער צייט, אין אַ שיינעם זומערטאָג, אַריינגעקומען צו אַ צירונג־היילער אַ יונגע, שיינע, קלוגע, ועל כולם, האַרציקע פרוי.

זי איז אָבער געווען אַ ביסעלע נערוועאיש, און אירע אויגן האָבן נישט גוט באַלאַנסירט אויף דער וואָגשאָל פון איר נעזיכט.

נישט זייענדיק קיין דאָקטאָר צו טאַפּן דעם דופק, צוקלאַפּן די קניען און צו פאַרשרייבן אַ פלעשעל קאָלירטע מעדיצין, אין נישט אַ „גוטער־ייד", וואָס טובל'ט זיך, טוט תפילה און פאַרשרייבט קמיעות, נאָר אַ היילער דורך דעם מעדיום פון צירונג, האָט ער פאָרזיכטיק זי באַטראַכט און באַמערקט איר נעפערלעכן צירונג־מצב:

אויף דעם פולס פון איר רעכטער האַנט האָט זי געטראָגן אַ בראָנזעלעטל מיט ווייסע, בייזע דימאַנטן, און אויף דעם דופק פון איר לינקער האַנט, — איר וועט עס קיינמאָל נישט גלויבן, — האָט זי געטראָגן אַן עבודה־זרהדיק זייגערל. און דערצו נאָך פון אַ באַרימטן „מאַכער", אַ זייגערל פון די זייגערלעך וואָס האַלטן צייט צו דער רגע. פון די אמתע נאַצישע זייגערלעך וואָס נעמען צו די פרייהייט פון מענטש, און קאָנסקריפּטן זיין יעדן אָטעם צום דיקטאַטור „צייט"!

נו, אדרבא, פרעג איך אייך, ווי קומט אַ דעליקאַטע פרוי, וואָס איז פול ווי אַ מיל־גרוים מיט נישט רעגולירטע שטימונגען מיט אונערוואַרטעטע חנדלעך און פישטשערייקעלעך, מיט זיפצעלעך און געלעכטערלעך אָן אָן אור־

זאך !... ווי קומט אזא פרוי צוזיין צוגעבונדן צו אזא אומרחמנותדיקן טיראן, ווי א זייגערל ?

ווי קומט א ווייכהארציקע פאטענציעלע מאמע צו האבן באריר ונג מיט הארטע דימאנטן, וואס שטארן ווי די פארגלאצטע ווייסלען פון די אונמענטשלעכע אויגן פון די אלטע רומישע אימפעראטארם ?

עפעס א וואונדער דאס אירע אויגן האבן נישט גוט באלאנסירט ? אבער וואס טוט א צירונג־היילער ? — ער רייסט אראפ פון אירע הענט דאס געפערלעכע זייגערל מיטן ברוטאלן בראנזלעטעל און באנדאזשירט זיי מיט א פאר אוראלטע גילדענע ארעמבענדער. פון וואו זיי שטאמען האט ער אליין נישט געוואוסט. נאר שיין זיינען זיי געוועזן ווי צוויי רעגנבויגנס אויף דער ראזאווער הימל־הויט, און ווארים איז געוועזן זייער גאלד ווי דאס האלזן פון א געליבטן. עס קען זיין דאס זיי זיינען געוועזן די אריגינעלע ארעמבענדער פון חומש, אבער דאס איז זיכער אז זיי האבן שוין מער ווי איין רבקה אויסגעהיילט פון א גייסטיקער פארקילונג.

די פרוי האט דערפילט זייער היילנדיקער ווערט, אוועק א גליקלעכע און איבערגעלאזט דעם צירונג־היילער נאך א גליקלעכערן !

סטיקן די פולס־און טאשן זייגערלעך, סקלאפן די ווענט אין שטאטזייגערס און די קאלענדארן שרייען ארויס פראקלאמאציעס פון יעדער וואנט אז עס זיינען שוין אוועק די זומער חדשים און די זעלבע פרוי קומט ווייטער צום צירונג־היילער מיט א שמערץ אין אירע פינגער, באשר בכן זיי פילן ווי פארטריקנטע צווייגן אויף א זאפטיקן בוים, ס׳פארדריסט זיי סכנות־נפשות, פארוואס זיי, די פינגער, מוזן טראגן וועלקענדע רינגלעך, זיי טענה׳ן : פארוואס די צוויי פולסן לעבן א גוטן טאג, הערן נישט אויף צו טאנצן א ריטמישן טאנץ פון פרייד און זיי וואס טראגן דעם היילקן גייסט אין יעדן שפיצפינגער, זיי וואס געפינען טירן און טויערן אין דער פינצטער, וואס ווייסן אונטערצושיידן צווישן פריינד און פיינד, וואס טוען די שמוציקסטע און די ריינסטע טאטן, זיי זאלן טראגן אזא טויט־געבוירן צירונג ווי א פארלאבונג־רינגעלע, וואס איז געווארן געשאפן אן ליבע און א חופה וקדושין רינגעלע — אן נשמה און אן קדושה.

מה עשה הצירונג היילער ?

ער האט די פינגער ארויסגעצויגן פון די צוויי מצרים׳לעך און האט זיי אריינגעפירט אין לאנד פון חלב ודבש, ד.ה. פון זילבער און גינגאלד, און איינגעקריצט אין א רינגעלע :

טו א נדר !
גראוויר עס טיף ווי לײדן,
תפארת צו אקערן,
גלארייכקייט צו שניידן...

און עס גליטשן זיך אוועק די ווינטער חדשים און די פרוי קומט צוריק מיטן פרילינג שטארק און אויסגעהיילט זי דערציילט דאס זי האט געהאט



אין איר הויז בילדער, מעבל און פארצעלאן מיט וועלכן איר צירונג האט נישט הארמאנירט, האט זי עס פארקויפט און זיך איינגעארדנט א הויז פראכטפול ווי איר צירונג.

נאר איין קלייניקייט פעלט איר נאך אין לעבן און דאס איז א הארמאנישן מאן. איר איצטיקער מאן האט ליב ס׳מאדערנע צירונג און די ציוויליזאציע וואס שאפט עס און צאצקעט זיך דאמיט, און זעלבסטפארשטענדלעך האבן זיי נישט קיין שלום־בית.

און אזוי ווי דער צירונג־היילער האנדלט נישט מיט פאלקאמען־מענער האט ער איר גאר נישט געקאנט העלפן. זי האט זיך אבער גארנישט גענויטיקט אין קיינעמס הילף. אזוי זעלבסטשטענדיק און זעלבסטווילנדיק איז זי געווארן!

איר ווילט דאך וויסן וואס דהיינו זי האט געטון, טא וועל איך ניט זיין ווי די אומברחמנותדיקע שרייבער וואס פירן זייערע קליענטן צו צום ברעג פון שפאנענדיקן מאמענט דאן לאזן זיי די קליענטן ווארטן א טאג, א וואך, א יאר. ניין, איך האב אויף אייך שטארק רחמנות און דערצייל אייך שוין דאס זי האט אין א מזלדיקער שעה איר אונהארמאנישן מאן אפגע׳גט. און ס׳האט נישט גענומען לאנג ווי זי איז אריין אין ענגלישן הויז פון פארלאמענט, דארט געמאכט אביסל ארדענונג, זי איז געווארן די פארטרויאונגספולע ניאנקע פון דער מוטער פון פארלאמענטן.

זי האט געבראכט דעם אמתן פרידן אויף דער וועלט, איינגעשלעפערט די אטאמען מיט א וויג־ליד און זיי זיינען איינגעשלאפן רוהיק צופרידן צופוסנס און צעקאפנס מאמע־ערד און ארויסגעשמייכלט פון שלאף א זיסן שלום־חלום.

יא, מ׳דארף אויך נישט פארגעסן צו פארצייכענען דאס זי האט געעפנט די טויערן פון ירושלים פאר יצחק׳ס פארוואגלטע אייניקלעך און איז געבליבן לעבן גליקלעך תמיד און אייביק אין זכרון פון אלע קרעמער און קונים פון דער מענטשהייט !

און דער צירונג־היילער האט זיך צעזונגען אזוי :

ס׳קומען פרעמדע וואס ווייסן ניט
אז איך בין געבוירן צו זיין ישראל׳ס זינגערל,
שטעלן זיך אוועק ביי מיין צייל־טיש,
און פאדערן פון מיר אן אלט פינגערל.

זינגט דאס פינגערל א לויב געזאנג,
צום גאט פון גאלד פון דעם ריינעם,
שטעכט מיך מיין פעדער ווי א קארנצוואנג,
און ס׳פאפיר מיטן טינט טוט וויינען.

זינגט ס׳פינגערל און טרייסט ס׳פאפיר !
„ווײן ניט, ווײן ניט, פאפירעניו !
די האנט, די האנט, וואס איך באציר,
וועקט אויף דעם מענטשן פונקט ווי דו“!

י. ביעטש

# דער אָנהויב פון סוף
(דערציילונג)

ו

שוין אַ פּאָר שעה, ווי יאַנקל קאַמאַשן־שטעפּער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, ערשט נישט לאַנג ווי ער האָט חתונה געהאַט, זיצט פאַרטראַכט ביים פּעצטער פון זיין שטיבל, וועלכע שטייט נישט ווייט פונם טייך און קוקט אין ווייטן מרחק אַריין, איינהערנדיק זיך צו די אָפּגעהאַקטע קולות, וואָס טראָגן זיך אין דער לופט.

דאָס פּליסקען פונם וואַסער, וועלכעס פליסט דורך דעם שטעטל ר. אין פּוילן פון כמה וכמה יאָרן, האָט זיך היינט מער ווי אַלעמאָל טיפער אין זיין זכרון איינגעקריצט. ס'האָט זיך אים געדוכטן, אַז ס'איז נישט דער זעלבער טייך, וואָס ר'איז פון קינדהייט אָן געוואוינט געווען צו הערן, בשעת ער פלעגט אין די פרייע טעג, זיצן ביים ברעג און זיך איינקוקן אין די צעריסענע שטיקער וואָלקנדלעך, וועלכע האָבן זיך געשפּיגלט אינם שטילן פּליסנדיקן וואַסער, אַז ס'פלעגט אים אַזש אָנכאַפּן אַ שטאַרקע בענקשאַפט נישט וויסנדיק נאָכוואָס. ס'האָט אים היינט אויסגעזען ווי עפּעס אַ בייזער גייסט האָט זיך דאָרט באַזעצט, פּלוסקעט און רוישט אָנאויפהער. אַ מורא'דיקע איינזאַמקייט האָט זיך געוויקלט אַרום זיין נשמה, פון אַ גאַנצע כוואַליע פאַרשידענע מחשבות, טראַכטנדיק דאָס יעדעס מענטשלעכע האַרץ איז אַ באַזונדערע וועלט, אויך דאָס מענטשלעכע אויג האָבן באַזונדערע הימלען און ערד.

פאַרטיפט אין זיינע רעיונות וועגן מענטש און זייער פירונגען, האָבן אים זיינע געדאַנקען געטראָגן ווייט ווייט אַוועק אין אומבאַקאַנטע וועלטן אַריין. ער האָט פּלוצלונג זיך פון זיין פּלאַץ אויפגעהויבן און מיט אַן אומרואיקן געמיט געשפּרייזט איבערן צימער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט פאַר עפּעס, דערביי צו זיך אַליין מורמלען: נישטאָ קיין סביבה, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.... אַזוי, אַז זיין ווייבל, וועלכע איז געזעסן אין אַ ווינקל פאַרטיפט אין אירע אייגענע חשבונות זאָל הערן, איבער'חזר'דיק די ווערטער, נישטאָ קיין סביבה, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען...

נאָך אין זיין פרישטער יוגנט, ווי נאָר דער מוח האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן און דאָס האַרץ צו פילן, האָט דער קליינער יאַנקל זילבערשטיין, ווי מען האָט דעמאָלט זיין פאַמיליע גערופן אינם שטעטל, געהאַט אַ טבע, בין מנחה למעריב אַריינשטופּן זיך צווישן יעדן רעדל יידן און מיט נייגער, זיך צוהערן צו די נייעס, וועלכע זיי האָבן געבריינגט פון די גרויסע שטעט. אָבער אַממיינסטן האָט אים אינטערעסירט צו הערן וועגן די גרויסע בעלי־המצאות, וואָס אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן אויסגעקלערט מאַשינען, וועלכע גייען אויף פּאַרע און עלעקטריע, גרייטן זיי אויך איינצושפּאַנען די ווינטן, צו טון די



אַרבעט פאַרן מענטשן... עס האָט אים עפּעס ווי מיט אַ באַזונדערן כוח געצויגן צו די גרויסע וועלטס שטעט, צו זען די גרויסע אויפטואונגען; צו די גרויסע שיינע ליכטיקע גאַסן, מיט די גרויסאַרטיקע הייזער, מאַגאַזינען, שויפענצטער, וואו גאָלד און זילבער בלאַנקען אַ קעגן די זון שטראַלן, עפּעס זיינען די שטעט ווי לאָנדאָן, פּאַריז, אַמעריקע תמיד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און געוועקט ביי אים דעם חשק פאַר אַ ניי לעבן.

אַ שווערע מלחמה קומט אים אויס די לעצטע צייט צו האַלטן מיט זיך, נאָכדעם וואָס זיין יונג ווייבל האָט אים מיט אַזוי פיל צניעות מגלה געווען דעם סוד, אַז זי איז... דערביי שעמעוודיק אַרונטערלאָזן אירע שיינע שוואַרצע אויגן, טראַכטנדיק וועגן דעם וואָס גרייט זיך צו קומען... שטיל איז געווען אַרום, אַ שטילקייט וואָס דריקט אַזוי דעם מענטשן, וועלכע טראָגן ביי זיך אַ סוד טיף אין האַרצן. אַ טיפער קנייטש האָט זיך אויף איר פּנים געלייגט און אירע אויגן האָבן דערציילט פון אַרומיקע טעג. עס איז געווען שרעקלעך היים דעם טאָג. דאָס זוניק־צעגליטע שטעטל האָט מיט די ערשטע באַרירונג פונעם בין השמשות ווינטל, זיך געקילט און געברענגט דערלייכטערונג אין דער לופט וואָס איז נאָך געווען שטיקנד און צופּאַרעט.

צו נאַכט איז נאָך ווייט, נאָר אינם שטיבל האָט זיך שוין געלייגט אַ גרויע טונקלהייט. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך צעלאָזן איבערן שטוב און זיך געלייגט אין יעטווערן ווינקל, וועלכעס האָט אויסגעזען פאַרזאָרגט און טרויעריק. זיין בליק איז צופעליק געפאַלן אויף זיין יונג ווייבל, אויף אירע ווייבלעכע פאָרמען, וועלכע זיינען פאַר די לעצטער צייט געוואָרן פאַרקיילעכט און אַנטוויקלט, האָט זי אין אירער איצטיקער זיצנדיקער פּאָזע, צווישן ליכט און שאָטן, אויסגעזען באַזונדערס שיין און רייצענד... יאַנקל האָט אין דער רגע זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער האָט אַ ברייטן שמייכל געטון און מיט כיון אין שטוב זיך אַרומגעקוקט, מיטן געדאַנק וועגן עפּעס און פון וואָס צו ריידן. אָבער באַמערקנדיק איר בלאַס פּנים, אויף וועלכעס עס איז געווען אויסגעגאָסן אַ מידע אָנגעצויגנקייט, און דאָס ציטערן פון איר יונגע ברוסט, וואָס האַלט זיך אין איין באַווייזן, ביי יעדע אויפרעגונג האָט אים געמאַכט אָפּהענטיק און ער האָט אויפגעציטערט פונם געדאַנק, וואָס ער האָט געטראַכט אין מורא געהאַט אים איר אַרויסצוזאָגן, כדי נישט אַרויסצורופן אַ שטורם.

דעם גאַנצן פאַרנאַכט, ביז שפּעט אין דעם פרימאָרגן אַריין, האָט יאַנקל געטראַכט וועגן זיין ווייב שרה. אַ שרעק איז אים באַפאַלן. דער קאָפּ הויבט זיך אים און ברענט דערפילנדיק אַז עפּעס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין גאַנצן געדאַנקן־גאַנג. אַז היינט וועט פאָרקומען, דאָס וואָס מען וויל תמיד באַהאַלטן אפילו פאַר זיך אַליין, אַז היינט הייבן זיך אָן רייסן אַלע פעדים, וועלכע בינדן אים צו צום לעבן אינם שטעטל, מיט די פּאָר הונדערט קליינע הייזקעלעך, האַלב איינגעפאַלענע, געשמיסן פון ווינט, רעגן און שוואַרץ פון צייט וועלכע האָבן איצט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי עפּעס פּינטלעך, צע־

שאַטן איבער אַ קליינעם שטח ערד, ווי אָרימע יידן טומלען זיך טעג מיט יאָרן, יעדער מיט זיין אייגן וועלטל...

שוין מיט אַ שטיק צייט צוריק האָט אין זיין מוח זיך באַזעצט דער געדאַנק, צו זוכן זיין גליק אין די ברייטע גרויסע וועלט. אינם שטעטל, וואו ער האָט פאַרברענגט אַלע זיינע יאָרן, איז אים פּלוצלונג געוואָרן ענג, נישטאָ קיין סביבה, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. ס'האָט ארום זיין נשמה געשאַפן זיך עפּעס אַזוינס, וועלכעס ער וויל עס אַזוי נישט, דאָך מוז ער עס טאָן. ר'מוז זיך שטאַרקן עס דורכצופירן. פאַרנומען מיט זיינע איצטיקע שווערע מחשבות, האָט יאַנקל זילבערשטיין אָנגעשריבן אַ פּאָר ווערטער, דערקלערנדיק אַז ער קען מער נישט בלייבן. אַז זיין באַשלוס צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל איז נישט קיין צופעליקער, נאָר געקומען שטופנווייז, פון וועלכע ס'האָט אים אַ סאַך אומרואיקע טעג מיט נעכט פאַרשאַפט...

עס איז געווען פאַרטאָגס, אינם חודש יולי, טויזנט ניין הונדערט פיר. ווען אין מזרח זייט האָט דער הימל נאָר וואָס אָנגעהויבן זיך רויטלען, האָט שוין אינם שטעטל זיך געקאָכט מיט דער נייס, אַז יאַנקל קאַמאַשן־שטעפּער, איז פּלוצלונג נעלם געוואָרן. דער יונג, ווי דער עולם האָבן אים איצט גערופן, מחמת דעם, וואָס באַלד נאָך דער חתונה, פלעגן יערן שבת נאָכמיטאָג ביי אים אין שטוב צונויפקומען בחורים און מיידלעך, טרינקען סאָדע־וואַסער מיט סאָק, געקנאַקט ניסלעך און זיך געלערנט טאַנצן. טיילמאָל האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אַ טאַטנס אַ קינד, וועלכעס האָט גורם געווען דאָס דער פרומער עולם האָט אויף דעם קרום געקוקט. כאָטש עס איז געווען גאַנץ פרי און פינצטערלעך, די שטערן האָבן נאָך אַרויסגעשיינט פון צווישן די ריסן פון די גרויע וואָלקנס, האָט שוין די נייס ווי אַ כישוף אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטל.

אין מאַרק ביים צוזאַמענשטעלן די טישן, האָבן די ווייבער צווישן זיך געשושקעט, דאַכט זיך געווען אַזאַ שטילער, נו, גיי טרעף; די וועלט זאָגט אַ שפּרוך־וואָרט, דאָס אַלע שטילע וואַסעלעך גראָבן טיף. אַ גאָטס רחמנות אויפן ווייבל נעבעך. אַ משוגעת זיך אַ ריינגעכאַפּט אינם שטעטל, האָט אַ יידינע מיט אַ רויט פאַרשוויצט פּנים אונטערגעכאַפּט, אַלץ לויפט, וואוהין? צו וואָס? חיה אסתר די עפּל יידענע מיט אַן אויפגעוירענעם בויך, האָט זיך מאָדנע פאַרקרימט: „טפו!“ האָט זי אַ שפּיי געטאָן, האָסט געהערט אַמאָל... אַלע מיינע ווייסטע חלומות. דאָס וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט, די נאַכט, יענע נאַכט, זאָלן אויסגיין צו מיינע שונאים'ס קעפּ". געחלומט האָט זיך חיה־אסתרן זייער אַ סך, ווען די צוויי שוין אונטערגעוואַקסענע כלה־מיידלעך, חוץ קליינוואַרג, אַ קליניקייט, אַז זי חיה־אסתר, וועלכע שלעפּט קוים זיך אויף די פיס מוז זיין די גאַנצע שפּייזערין.

די מאַנסבילן מיטן טלית־און תפילין־זאַק אונטערן אָרעם, זיינען אין מאַרק אין קופּקעלעך געשטאַנען, זיך געחדושט, דערביי זיך געוויצלט, וואָס נאָך נישט קיין יאָר נאָך דער חתונה, ער איז באמת אַ גרויסער שוטה. אנדערע



האָבן געצוויגן מיט די אַקסלען: ווייסעך וואָס, אַ יונגערמאַן, אין קאָפּ נאָך אַ ביסל ווינט, זיך געמוח'ט היינטיקע צייטן... אַז אַלץ איז הפקר פּיעטרושקע. אַממיינסטן האָט זיך געהיצט יוסף קאָוואַל, אַ ברייט ביניקער ייד, מיט אַ צערכראַסטעטע, שטראַקע, האָריקע ברוסט, געשריגן מיט זיין גראָב קול: אַזאַ יונג, אַזאַ הולטיי, אַזעלכן וואָלט איך אין קייטן געברענגט צוריק! ער האָט אַ מאַך געטון מיט זיין שטאַרקע האַנט אין דער לופט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן מיטן האַמער אויף אַ פייערדיק שטיק אייזן. דערביי אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן דעם אַלטן בערל שניידער אין פּלייצע, דאָס זיינען אַלץ דיינע בנים שולדיק, ווען גרייטס דו זיך צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האַ?... בלויז דער פרומער עולם איז פון די נייס געווען צופרידן, פּטור געוואָרן פון אַ צרה! טאַקע דאָס שטעטל ווערט ליידיקער, דערפאַר האָבן מיר אַ גרויסן גאָט.

די זון האָט אין דעם פרימאָרגן, ווי אָן חשק, פּאַמעלעך פון אונטער די בערגלעך זיך אַפּערגעשאַרט און רויט צעבלוטיקט זיך. צעגאָסן איבערן הימל, באַשאָטן מיט גאָלד שטויב דעם טייך, וועלכער פליסט צווישן ברייט גרינע לאָנקעס און דערציילט סודות די באַגראָזטע ברעגעס.

עס האָט זיך געשטעלט אַ לויטערער טאָג, אַ טאָג וואָס איז פול מיט פרייד, וועלכעס מאַכט פאַרגעסן פילע זאָרגן און דאגות. אָבער די נייס וועגן דעם יונג, איז ווי אַ פינצטערער קאָשמאַר איבערן שטעטל געהאָנגען; ס'האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ שוואַרצער נעפּל וואָלט זיך אויף דעם ליכטיקן טאָג פאַרמאָסטן. איבער יעדע יִדישער שטוב האָט געפלאַטערט עפּעס אַנאומהיימלעכקייט און יעדע טאַטע מאַמע, וועלכע האָבן געהאַלטן ביים חתונה־מאַכן זייערע טעכטער, זיינען אָרומגעגאַנגען און געזיפצט היינטיקע צייטן... אַ הפקר וועלט...

II

געווען איז שוין אינמיטן הערבסט, ווען יאַנקל קאַמאַשן־שטעפּער, דער יונג, איז געקומען קיין לאָנדאָן, ס'האָט פאַר די לעצטע צוויי דריי טעג געשפּריצט אַ קאַלטער רעגן און געווייקט די רוישיקע שטאָט אין אַ טיפן אומעט. די כסדר לויפנדיקע באַנען, וועלכע זיינען געווען פיל געפּאַקט מיט מענטשן האָבן אים באַטויבט איז ער געבליבן שטיין אויפן וואָקזאַל אָן שום געדאַנק אין קאָפּ. ס'האָט זיך אים געדוכטן, אַז מענטשן ווערן דאָ פאַרלוירן, פאַרפאַלן, ווי אין אַ טיפן ים... ער האָט נישט ווילנדיק געטראַכט, האָט זיך דאָס אַלץ געלוינט, ווער ווייסט? כאָטש ס'איז נאָך געווען פרי אינם הערבסט פאַר לאָנדאָנער נעפּלען, דאָך האָבן זיך די טעג געהילט אין אַ געלבלעך שוואַרצער טונקלהייט. ס'האָט ביים אים אַלץ אויסגעזען מאָדנע, דער שוואַרצער, געדיכטער נעפּל און דאָס קדחותדיקע יאָגעניש, שטופּעניש פון אַזוי פיל מענטשן האָבן אים ווי צעטומלט. אַ גליק וואָס שמואל זיין יוגנט־חבר, האָט אים אויפן וואָקזאַל אין ליווערפּול סטריט דערזען און אים אַרויסגענומען פון אַ פאַרגעלעגנהייט.

געוואוינט האָט יאַנקל די ערשטע צייט, ביי זיינעם אַ לאַנדסמאַן, חיים

פרעסער, אַ ביסל אַן אונרואיקער, מיט אַ סך טענות צו דער וועלט. ער איז תמיד אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, געטרויכערט און גערעדט: אַז ער אַרבעט שווער און וואָס האָט ער דערפון? דערביי ווייזנדיק זיינע שווער אויסגעאַרבעטע הענט. והא ראיה, זיין איצטיקער בעל־הבית שמואל, ווי ער רופט זיך איצט סעמי!

אמת, אַז לאַנג האָבן זיי ביי סעמין נישט געאַרבעט, מחמת יאַנקל זייענדיק אַ פעהיקער מאַשינער און חיים צוליב זיין אַגרעסיווער נאַטור, האָבן זיי דאָס פּלאַץ פאַרלאָזט. עס איז לכתחילה געווען שווערלעך, אָבער צום סעזאָן האָבן זיי געקריגן אַ שטעלע אין אַ גרויסער פאַבריק, וואו יאַנקל איז געוואָרן דער הויפּט מאַשינער. אַזוי איז פון יאַנקל קאַמאַשל־שטעפּער, דער יונג, ווי די לאַנדסלייט האָבן אים נאָך אַלץ גערופן, געוואָרן דזשעק דער מעקעניק (מעכאַניק). ער האָט באַלד נאָכדעם אַריבערגעברענגט זיין יונג ווייבל שרה, מיט אַ ייִנגל פון אַ יאָר. זייער נייע וואוינונג אין דעם „בילדינג“, ביי בראָד סטריט וועסט, איז באַשטאַנען פון צוויי שטיבלעך מיט אַ קיכל, וועלכעס ער האָט געדונגען און אויסגעמעבלירט.

דאָס לעבן זייערס אינם בילדינג האָט מיט קיין סאַך זיך נישט אונטערגעשיידט פון די אַנדערע שכנים, וועלכע זיינען געווען מיינסטנס נישט יידן. כאָטש זי איז געווען אַ פרומע און עס איז איר נישט געווען צום האַרצן, וואָס איר מאַן מוז אַרבעטן אום שבת, דאָך האָט זי זיך צוגעוואוינט צו דעם. איר איינציקער טרייסט איז געווען, וואָס זי קען ווי עס איז פאַר זיך, אַריינברענגען דעם הייליקן שבת אין איר שטיבל; דערמיט וואָס זי האָט יעדן פרייטיק צו־נאַכטס אָנגעצונדן ליכט אין די פיר מעשענע לייכטער, וואָס שרה האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, וועלכע פלעגן שטיל און הייליק באַלויכטן איר וואָכנדיק לעבן.

און עס איז זיך געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, ווי מען האָט איר איצט גערופן מרס. סילווערמאַן, האָט זיך מיט די אַנדערע פרויען אינם „בילדינג“ שנעל איינגעלעבט, צוזאַם געפירט די קינדער אין סקול (שול). מרס. קראַס איר שכנ'טע, אַ מיידעלע מיט העלע פלאַקסענע האָר, געפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּלעך, מיט גוטמוטיקע פריילעכע בלויע אויגן, מרס. סילווערמאַן איר שוואַרץ־חנ'עוודיק ייִנגל הערי, מיט געגרייזלטע שוואַרצע האָר און ברוינע לאַכנדיקע אויגן. די קינדער פלעגן זיך צוזאַם שפּילן און די ווייבער האָבן געציילט די טעג און חדשים, נאָכן וואוקס פון זייערע קינדער. טיילמאָל ווען ס'איז געווען עפּעס אַן אַלגעמיינער יום־טוב, פלעגט דזשעק סילווערמאַן אַ טראַכט טון וועגן זיין בן־יחיד, וועלכער וואַקסט אָן שום יידישע דערציאונג. אָבער, עס האָבן זיך ווי דער שטייגער איז, תמיד געמאַכט מניעות. אויך איצט אין צווישן־דרין, האָט זיין ווייב געבוירן אַ מיידעלע, האָט מען אַזוי ווי אַלעמאָל די זאַך אָפּגעלייגט. ער האָט דערפילט, אַז ר'איז אַריינגעקראָכן אין אַן אייביקן וואָכנדיקן לעבן אָן אַ ביסל פרייד.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער גרויסער וועלט מלחמה, האָט זיך אויך



אַריינגעריסן אַן ענדערונג אינם לעבן פון די שכנים. שרה האָט די ערשטע דערפילט עפּעס, וואָס מען קען אָנרופן שרעק. מיט דעם איז אויך געקומען אומזיכטיקייט. די באַליידונגען און מיאוסע באַמערקונגען פון די פרויען, וועלכע זייערע מענער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. כאָטש דזשעק האָט שוין פאַר אַ צייט לאַנג געאַרבעט אין אַ פאַבריק פו זעלנערישע בגדים. דאָך איז דאָס לעבן אינם בילדינג געוואָרן געשפּאַנטער און ביטערער, אַן אָנגעכמורעטער פלעגט דזשעק אַרומגיין און מורמלען, נישטאָ קיין סביבה, נישטאָ מיט וואָס צואָטעמען.

עס זיינען פאַראיבער שווערע דריי יאָר, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט ביטערע סמנים, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעגעסן אין זיין האַרץ, די „קאָנווענשיאָן פון ענגלאַנד מיט רוסלאַנד, אינם יאָר 1917, האָט פאַר טויזנטער פאַמיליעס געשאַפן אַן אומרואיקע אַטמאָספערע. עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ שווערע פינצטערער נעפּל האָט זיך פּלוצלונג אַרונטערגעלאָזט און זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד. דזשעק סילווערמאַן, איז פון די לעצטע נײַס און געשעעניש, תמיד געווען אויפגערעגט, ער האָט זיך, ווי פאַר עפּעס נעגרייט, אַליין נישט וויסן צו וואָס, נאָר אַז אַלע פאָרן וועט ער אויך פאָרן.

אַ גאַנצן טאָג, מיטוואָך דעם פינפטן סעפּטעמבער, איז געווען חשך, ביי די סילווערמאַנס. די קינדער האָבן זיך אין די ווינקלען באַהאַלטן און געוויינט, אויך די פרויען וועלכע האָבן קרום און מיט פאָרוואורף געקוקט אויף אים, האָבן דאָסמאָל זיי שטאַרק באַדויערט און מיטגעפילט מיט מרס. סילווערמאַן. עס האָט אָנגערוקט די נאַכט, איבערן הימל האָט זיך אָנגעטראָגן שוואַרצע שווערע וואָלקנס, אַ שטאַרקער גאָס רעגן האָט פּלוצלונג זיך אַרונטערגעלאָזט. בליצן ווי פייערדיקע שפּיזן האָבן געשניטן דעם שוואַרצן הימל און געוואָרפן ליכט פאַסן אין דער נאַכט אַריין, מיט אַ מוראַדיקער דונער רציחה. דורכגעווייקט פון רעגן, האָט דזשעק מיט שנעלע טריט געשפּרייזט איבער די גאַסן צו יוסטאָן סטיישאָן. פאַרנומען מיט זיינע מחשבות, דאָס מענטשן דאַרפן אַנדערש לעבן אויף דער ערד, אַז די מלחמות ברענגען נאָר צרות אויף דער וועלט... ס'האָט אים אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות אויף זיין ווייב, וועלכע איז די לעצטע טעג אַזוי בלייך געוואָרן. אירע אויגן האָבן דערציילט פון נעכט אָן שלאָף, פון אומרואיקע טעג פול מיט ליידן... אויף זיינע קינדער, וועלכע ווערן איבערגעלאָזט אויף הפקר, איבערהויפּט אויף זיין בן יחיד, וואָס דאַרף באַלד ווערן דרייצן יאָר. ער איז פּלוצלונג געבליבן שטיין און מיט שרעק אין זיין קול געפרעגט: וואוהין?... שפּעט אין דער נאַכט איז דזשעק סילווערמאַן צוריק אַהיים געגאַנגען מיטן געדאַנק, אַז ער וועט קענען מאָרגן פאָרן.

די פאַבריק אַרבעטער האָבן זיך ממש דערפרייט, ווען דזשעק איז צומאָרגנס געקומען צו דער אַרבעט; אָבער אין זיין מוח האָט זיך געפּיקט אַנדערע געדאַנקען. דאָס גראָד איצט הייבט זיך אָן אַ צייט פון וועלכער ער קען זיך צו עפּעס דערשלאָגן. אמת, אַז דער געדאַנק איז ביי אים נישט קיין נייער. אַסך פרימאָרגנס פלעגט ער מיט זיין ווייב ריידן דערפון. אָבער אין דער

שטורמדיקער נאַכט, בשעת גייענדיק צום וואָקזאַל איז דער געדאַנק ביי אים צייטיק געוואָרן.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די לאַנדסלייט האָבן זיך דערוואוסט, אַז דזשעק איז געבליבן, האָט ער שוין געהאַט אַן אייגענע פאַבריק, אסאַך באַשטעלונגען פון וועלכע ער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און איז ביסלעכווייז רייך געוואָרן. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, איז שוין דזשעק סילווערמאַן גווען שטאַרק באַוואוסט אין די „ביזנעס“קרייזן. זיין מוח איז איצט געווען באַשעפטיקט פאַר עפּעס אַ פאַסיקע קאַריערע, פאַר זיין זון הערי. ער איז אויך געוואָרן אַ מעמבער פון אַ גרויסער שול, דענקנדיק דורך דעם איינצופלאַנצן יידישקייט אין זיינע קינדער.

ווען הערי סילווערמאַן איז עלטער געוואָרן, האָט ער ביסלעכווייז פאַרלאָרן זיין אינערלעכע תמימות און אונשולד, זיין פּנים איז געוואָרן בלאַסער, מאָגערער, זיין בליק טרויעריקער. די סיבה איז אים קלאָר געווען: זייער שכנה׳ס טאָכטער פלאָרנס... ער ווייס אליין נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, דאָס יעדעס מאָל ווען ער האָט זי דערזען, הייבט ער זיך אָן רויטלען. ער האָט דערפילט, אַז זי הערט אויף צו זיין אַ נאָנטע, ווי אַמאָל ביים שפּילן זיך, זי ווערט עפּעס אַן אַנדערע, ר׳האָט זיך געחידושט, אַז וואָס מער זי ווערט ווייטער פון אים, אַלץ צונעצויגענער ווערט זי צו זיין האַרץ, אַלץ מער טראַכט ער און חלומט וועגן איר.

אַלע אינם „בילדינג“, האָבן געקענט פלאָרנס דאָס פריילעכע מיידל, זי פלעגט אָפט אַריינקומען צו די סילווערמאַנס אין שטוב, דאָס איז געווען ווען זי איז נאָך געגאַנגען אין סקול. אָבער די לעצטע צייט האָבן זיינע עלטערן אָנגעהויבן צו באַמערקן אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק. עפּעס קומט פאָר, אַז אַלעמאָל ווען הערי גייט אַוועק, איז פלאָרנס אויך נישט אין דער היים. מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין מיט וואָס דאָס שמעקט... אמת, זי איז טאַקע אַ שיין מיידל, אָבער?... בלייבנדיק שטיין אַביסל פאַרקלערט. האָט ער זיך געווענדעט צו זיין ווייב, איך זאָג דיר שרה, דאָס פון אַזעלכע זאַכן קומט קיין גוטס נישט אַרויס. זי איז נישט פאַר אים. פעלן יידישע מיידלעך? ער האָט אין אַ קורצע צייט זיך אַוועקגעצויגן, מיט אַן אָפּגעמאַכטן פּלאַן, צו מאַכן זיין בן יחיד פאַר אַ חתן ביז ער וועט זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייט פון קאָפּ.

פון דאַמאָלט אָן איז דזשעק סילווערמאַן געוואָרן אַלץ אומרואיקער, ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן דאָס זיין אונטערגעוואַקסענע טאָכטער איז אויך געוואָרן אַן אַנדערע. עס איז נישט מער דאָס קליין מיידעלע וועלכע ער פלעגט אַזוי גערן הערן ווי זי פלעגט מיטזינגען מיט דער מוטער יידישע לידלעך. זי וויל איצט מער פון קיין יידיש וואָרט נישט וויסן! ער האָט דערפילט, אַז עפּעס רייסט זיך אָפּ ביי אים אין האַרץ, און צו זיך גערעדט: „עס איז דער אָנהייב פונם סוף!“ דערביי זיך משונה דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער, זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ מאָדנער שטים. זיין ווייב שרה האָט זיך



אַ טרייסל געטון אַזוי ווי פון קעלט. קוקנדיק אויף אים, אויף זיין בלייך פּנים און פּיצטערן אויסזען, קענענדיק זיין האַרטן כאַראַקטער, וועלכעס ס׳איז איינגעקנעטן טיף אין זיין האַרץ, און ספּעציעל זיין נייע אויפגעבלאָזענע גאווה, האָט זי דערפילט אַז עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן פאָטער און זון. עפּעס אַזוינס וואָס דערווייטערט איינעם פון אַנדערן, פאַריכטן דאָס פאָרגעקומענע, פאַרטרייבן אָט דאָס וואָס ס׳האָט זיך אַריינגעגנבט אין זייער לעבן, האָט זי נישט געוואוסט מיט וואָס... איר איינציקע געבעט איז געווען, גאָט זאָל זיך מרחם זיין און. זאָל די קינדערס האַרץ איבערקערן צום גוטן....

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג מיט חדשים. מר. סילווערמאַן, איז געוואָרן אַלץ שוואַכער, אַ קרענקלעכע מרה־שחורה האָט אויף זיין פּנים זיך אויסגעלייגט טיף אין זיין נשמה האָט זיך עפּעס געוויקלט פון וועלכן ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן, אַלץ האָט ביי אים אויסגעזען פאַרנעפּלט און נישט קלאָר, כאָטש דער טאָג איז געווען אַ שיינער און נאָך ווייט צו נאַכט, איז ער צו צום פענצטער, אַ ווייש געטון מיט זיין ציטערדיקער האַנט די שויב, עפּעס האָט אים אָנגעהויבן ווערגן אינם האַלז, ער האָט דערפילט אַז ער פאַרלירט זיך אין גאַנצן, ר׳האָט זיך אַ טרייסל געטון און ווי אַ שווער שטיק בליי געפאַלן צו דער ערד. פון זיין מויל האָט עפּעס ווי אַליין זיך אַרויסגעריסן: עס איז דער אָנהויב פון סוף. נישטאָ קיין סביבה, נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען...

„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון

מאַררים מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראפּא.

אילוסטרירטער

טעאַטער שפּיגל

חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז“ (בית־עם) און פון ניי־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פּרייז פון 1 נומער: 1 שילינג

אַדרעס :—

“THEATRE MIRROR”

Adler Street, London, E.1

England.

Telephone : — BIS 1320.

## דוד זיידענפעלד

# לידער

געווידמעט שטענצלען דעם דיכטער
פון „פישער דאָרף“.

## אויפן פענצטער הענגט די לבנה

אויפן פענצטער הענגט די לבנה, אַ טויטן מאַסקע,
אין גאָרטן שטיין סקעלעטן,
אין אַלע הייזער ליגן טויטע אויף די בעטן.
און פון אַ מויזן־לאָך אַרויס לויפט אַ לייב
מיט געשריי צום הימל אין אויפגעהייב. —

און קוימנס פון ד׳דעכער פליען —
ווינטן אויף ד׳פלייצעס טראָגן
די לבנה אין אַ זאַק און מיט איר זיך יאָגן
אַוועק צום נאָרד-פּאָל אויף אַ חתונה פון אַ בער —
און אויפן פענצטער הענגט ד׳לבנה נישט מער.

## גרויסע ווינטן פון די הויכע בערג

גרויסע ווינטן פון די הויכע בערג
מיטן ווילדן שטורעם צוזאַמען,
מיט אַ שטויס אַ שטאַרקן, ווילדן,
שטורכעט אויף די ים׳ן.
זאָל דער לויתן צום הימל שפּרינגען,
זאָל דער ים ד׳זון איינשלינגען
און אויסלעשן אירע פלאַמען.

וואָלקנס מיט די גראָבע בייכער
וואַסערדיקע ווערם קריכן;
שטויסט אַריין זיי אין ד׳ג׳דערים
איירע שלשלת ריסן.
זאָל אַ מבול ד׳ערד איינשלינגען,
זאָל דער לויתן צום הימל שפּרינגען,
און דעם שור הבר דאָרט זוכן.



און אויף רוח הקודש בעזעמער
פליט צוגאָר ד׳ הויכע שטערן:
פון מילכיקן וועג דעם שטויב אויבן
דאַרף מען אויכעט אויסצוקערן!
זאָלן הויכע ספערן הערשן שפּרינגען,
יופּיטערן, וועגוסן, מאַרסן איינשלינגען
און העכער רייטן אויף ד׳גרויסע בערן.

## פון הינטער ד׳הרי חושך

פון הינטער ד׳הרי חושך, פון אַ אויפגעפראַלטער טיר,
פליט אַרויס אַ ווינט, אַ פראָסט, אַ געפריר,
רייסט אויף ד׳וועלטס אונטערגאַנג—געשוויר.
ווינטן פון ד׳ערדס עקן פיר,
פון לעבן ס׳זאָלן ציטערן אין מיר.
פון הינטער ד׳הרי חושך הוראַקאַנען טרייבן
אַראָפּ מיך פון ד׳ערד, מיך אויפהייבן —

און אַריין מיך וואַרפן אין אַ פלאַנעטער־קרייץ,
פון קעץ באַפליגעלטע און אומעט־מייז,
און עלעפאַנטן גרויסע יאוש־לייז,
און מפיל־בערן אויף מדבריות אייז.
וואָיעט ווינט, וואָלקנס ווערט אויף אמת בייז!
אין בליץ, אין איירע שוידער שפּאַלטן,
וועל איך מיך אין פונק אָנהאַלטן.

„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„אין חדר אריין“ 5/-
פון
**משה עובד**
צו באַקומעןביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## קייטי בראון

# איך זי און ער!...

איך בין זיכער, אז לויט דעם נאמען פון מיין היינטיקן ארטיקל וועט איר פארשטיין וועגן וואס עס האנדלט זיך.

הגם איך וועל דערפון קיין גרויסן כבוד נישט האבן, האב איך דאך באשלאסן אייך צו דערציילן וועגן א פאל, וואס איז ביי מיר פארגעקומען. אבער, איך בעט אייך, אזוי ווי דאס איז א פאמילען סוד, זאל עס בלייבן צווישן אונדז...

איך, זי און ער זענען מיר דריי. דאס הייסט צוויי פרויען און איין מאן. און וואס פאר א רעזולטאטן מען קען דערווארטן היינטיקע צייטן דארט, וואו עס האנדלט זיך פון צוויי קעגן איינעם, דארף איך אייך מן הסתם נישט זאגן, ווייל יעדער מענטש און יעדע פרוי בפרט וועט עס פארשטיין...

אבער צווישן מיר און מיין קאנקורענטקע איז פאראן א גרויסער אונ־טערשייד, וועלכער איז דער הויפט פאקטאר פון מיינע צרות.

זי, למשל, איז א הויכע, א בלאנדע; אין — א שווארצע, א דארע. זי — א פעטע, א געזונטע; איך — אן איידעלע, א וווּאכע... זי עסט גערן שאקא־לאדע; איך — הערינג מיט ברויט. זי איז נאך א מויד א פרייע; איך — שוין א מאמע פון קינדער. זי האט ליב צו שלאפן שפעט; דאס גראדע האב איך אויך ליב. אבער איך מוז אויפשטיין פרי.

אט דאס איז דער אונטערשייד צווישן אונזביידע.

ער, מיין מאן, זעט דאס אפנים אויך און, ווי עס ווייזט זיך ארויס, געפעלן אים אירע מעלות בעסער ווי מיינע חסרונות. א סמן האב איך, אז ער איז מער ביי איר ווי ביי מיר. טראץ דעם וואס ער האט מיר געשוואוירן אונטער דער חופה.

ווילאנגג זי איז נישט אונטערגעקומען איז ער געווען גאנץ צופרידן מיט מיר און מיט זיין מזל. ער האט קיינמאל זיך נישט באקלאגט, נאר גלייך פון דער ערשטער מינוט זינט ער האט זיך מיט איר באקענט, האט אים אויפ־געהערט צו געפעלן מיין בראדיווקע אויף דער לינקער באק, וועלכע ער האט אמאל געהאלטן פאר א חן פינטעלע... ער האט ערשט אויסגעפונען, אז איין האנט איז ביי מיר אביסל לענגער ווי די צווייטע.... און אז איין אויג זעט ביי מיר בעסער ווי דאס אנדערע..... עס האט אים אויפגעהערט צו געפעלן מיין געשמאק אין קליידן זיך. און אז איך טו זיך אן שבת מיינע שענסטע מלבושים, צו גיין מיט אים אביסל שפאצירן אין ווייטשעפל, און קויף זיך א ספעציעלן נייעם הוט, כדי אים צו געפעלן, זאגט ער, אז איך זע אויס ווי זיין עלטער־באבע און אז מיין הוט זעט אויס ווי א גארטן, אויף וועלכן עס וואקסן אלערליי קרייטעכצער און גיט צו, אז ער שעמט זיך מיט מיר צו גיין אין גאס...



אויך דאס עסן געפעלט אים נישט מער, אפילו די בעסטע מאכלים מיינע, פון וועלכע ער פלעגט ממש לעקן די פינגער, האבן מער קיין טעם נישט.

די קינדער טרייבט ער פון זיך און מיט מיר האט ער פשוט נישט וואס צו רעדן. גאנצע נעכט פעלט ער אין שטוב און אז עס מאכט זיך אמאל, אז ער בלייבט שוין יא אין דער היים, בעט ער זיך אוים אין דער קיך, ווייל ער האט אויסגעפונען, זאגט ער, אז דאס שלאף־צימער איז צו ענג און נישט גענוג לופטיק פאר צוויי מענטשן...

יעדע וואך רייסט ער מיר אפ פונם געלט וואס ער גיט מיר און איך האב נישט גענוג, געמוזט אוועקשיקן די דינסט, וועלכע איז ביי מיר געווען לאנגע יארן, און איך מוז אליין טון די גאנצע הויז־ארבעט, כדי איינצושפארן א שילינג.

עס איז שוין דערגאנגען אזוי ווייט, אז עס איז מיר פשוט שווער אדורכ־צוקומען מיט דעם וואס ער גיט מיר. און איך דערקלער אים די זאך און בעט ביי אים ער זאל מיר געבן מער, אבער ער שווערט ביי זיין געזונט, אז ער האט נישט און וויל דורכאויס, אז איך זאל אים גלויבן...

נו, פרעג איך אייך, ווי גלויבט מען דאס נישט אן אייגענעם מאן? נאך דערצו ווען ער שווערט?... און מיט עטלעכע טעג שפעטער האב איך זיך טאקע איבערצייגט, אז ער האט מיר קיין ליגן נישט געזאגט...

אין א געוויסן פרימארגן איז ער ארומגעגאנגען שטארק צוטראגן, אלע־מען געטריבן פון זיך, אפילו דאס ארימע קעצל איז אים געווען אין וועג און ער האט זיך אין דעם נוקם געווען...

א נערוועזער האט ער שפאצירט ארויף און אראפ, נישט געוואלט עסן. איך האב מורא באקומען פאר אים. עפעס האט מיר דאס הארץ געשראקן. ווער ווייסט? אפשר איז ער, חלילה, קראנק געווארן. איך האב אויף אים געקוקט מיט רחמנות און שטארק באדויערט, אבער מורא געהאט אים עפעס צו פרעגן.

ענדלעך האט ער געכאפט זיין ראק אויף די פלייצעס, און א ווארט שנעל ארויס פון שטוב און צוליב אומפארזיכטיקייט האט ער פארלוירן א בריוו.

אינם בריוו איז געשטאנען אזוי:

„מיין ליבער, מיין הארציקער!

איך דאנק דיר טויזנט מאל פאר דער שיינער מתנה, וואס דו האסט מיר געקויפט און פאר דעם פארגעניגן, וואס דו האסט מיר פארשאפט יענעם אוונט, ווען דו האסט מיך גענומען אין טעאטער אריין און שפעטער צו סאפער. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דיינע קאמפלימענטן, וועלכע דו האסט מיר געמאכט. און איך האף, אז דו וועסט אייביק בלייבן מיינער.

קום היינט פרי, געליבטער, און ברענג מיט א ניי, פריש שאכטל שאקא־לאדע, ווייל פון יענער איז שוין כמעט נישט געבליבן. ברענג אויך מיט א

שאַכטל ציגאַרעטן ; די, וואָס איך האָב ליב. דו ווייסט שוין וועלכע איך מיין.

קום איך וואַרט אויף דיר מיט אָפענע אָרעמס און פאַרגעס נישט, נשמה מיינע, צו ברענגען דעם טשעק פאַר פינף און צוואַנציק פונט, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט. איך דאַרף דאָס געלט זער נייטיק. איך מוז באַצאָלן אַ חוב פאַר זיידענע זאָקן, קאָסמעטיקע און פערפיום, וועלכע דו האָסט אַזוי ליב...

איך פאַרשטיי, טייערער, אַז דיר איז היינט שווער מיר צו שענקען אַזאַ סומע. אָבער איך ווייס, אַז פאַר מיר איז דיר קיין זאַך נישט שווער, ווייל דו ווייסט און פאַרשטייסט מיין הייסע ליבע צו דיר.

איצט, מיין טייערער, וועל איך ענדיקן.

מיט דער האָפנונג דיך באַלד צו זעען, פאַרבלייב איך,

דיין דיך אימער ליבענדע,

ב.

פּ.ס. — פאַרגעס נישט דעם טשעק !"

אָט דער בריוו האָט מיר באַוויזן, אַז ער האָט געזאָגט דעם אמת. ער האָט טאַקע נישט. ער האָט נישט און דאַרף איר געבן און דערפאַר גייט ער אַרום אַזוי צוטראָגן נעבעך, ער האָט מורא, ווייל טאָמער, חלילה, גיט ער איר נישט דעם טשעק, קען זי אים נאָך צוריק שיקן צו מיר און דאָס וואָלט געווען פאַר אים דאָס גרעסטע אומגליק...

איך האָב באַקומען גרויס רחמנות אויף מיין מאַן. עס האָט מיר פשוט צעבראָכן דאָס האַרץ און איך האָב אָנגעהויבן זוכן פלענער און מיטלען אים צו העלפן... איך בין אַוועק צו מיינע פריינט און קרובים, געבעטן לייען אַ נויטיקן גמילות־חסד און צוגעזאָגט אָפּצוגעבן מיט פּראָצענט...

נאָר אַזוי ווי יעדער איינער האָט מיר אָפּגעזאָגט, בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן. איך האָב גענומען מיין דיאַמאַנטענעם רינג, וועלכער איז געווען מיין גאַנץ פאַרמעגן וואָס איך האָב געהאַט נאָך פון מיין חתונה, בין אַוועק אין „פאָון שאָפּ“ און אים פאַרזעצט פאַר דער סומע וועלכע מיין מאַנס געליבטע האָט פון אים געפאָדערט.

ווען ער איז יענעם אָוונט אַהיימגעקומען און זיך גענומען וואַרפן אויף זיין שטייגער, בין איך צו צו אים, דערלאַנגט דאָס געלט און געזאָגט.

— נאַ, טראָג עס איר אַוועק...

ער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן און אַ פרעג געטון,

— דו ווייסט ?...

— יאָ, — האָב איך געזאָגט און דערלאַנג אים דעם בריוו...

ער האָט דאָס געלט נישט גענומען. נאָר אַנשטאָט דעם געפאַלן צו מיינע פיס, מיך איבערגעבעטן און מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט שוין פון היינט אָן זיין גוט צו מיר, און אַז ער זעט ערשט איין וואָס פאַר אַ געטרייע פרוי איך בין צו אים.



איך האָב אים מוחל געווען, פונקט ווי אַלע נאַרישע פרויען טון אין אַזאַ פאַל...

יענער נאַכט איז אים געווען צו קאַלט צו שלאָפן אין דער קיך.

ביים שלאָפן גיין האָב איך דאָס געלט באַהאַלטן אונטערן קישן מיט דער האָפנונג מאָרגן אויסצולייזן דעם רינג. אָבער ווען איך בין אויפגעשטאַנען איז מיין מאַן שוין נישט געווען אין הויז. ער איז פאַרשוואונדן און צוזאַמען מיט אים אויך די פינף און צוואַנציק פונט...

---

## ש. זאַלקין

### בים קאַמין

מיר וועלן איצט זיצן אין טונקעלען צימער,
שווייגענד אין דעמערונגס שאָטן פערהילט.
אויף שויבן עס ציטערט אַ גאָלדענער שימער,
אַ הערבסטיקער וואָלקן מיט שטראַלן זיך שפּילט.
ערוואַכן עס וועלן זכרונות פון יאָרן
און פרעכטיקע בילדער זיך ווייזן אַסך,
פאַר'כישופ'טע טרוימען וואָס זיינען געוואָרן
געשפּונען ווען יונגט געווען איז נאָך וואַך ;
און אויפלעבן וועלן די פילע געשטאַלטן,
וואָס זיינען אויף וועגן נעגאַנגען פאַרביי,
און זאָרגלאָזע קינדהייט פון ערגעץ באַהאַלטן,
וועט קומען און מאַכן די הערצער אונז פריי.
די זוניקע מאָרגנס און גאָלדערנע שטראַלן,
די פאַנטאַסטישע וועלטן וואָס שפּיגלען אין בליק,
די יוגנטס־געזאַנגען וואָס הילכיג עס שאַלן,
און ציען נשמות צום הימל און גליק.
מיר וועלן ניט לאָזן די פאָרהאַנג זיך הויבן,
וואו מידע עס ליגן פאַר־יאוש'טע טעג,
ווען ערגעץ נעוואָגלט אָן האָפן, אָן גלויבן,
פאַרצווייפלט אויף פרעמדן און זומפּיקן וועג.
נענטער זעץ זיך און עס וועט אונז פאַרהילן,
דער שימער און שטין פון הערבסטיקן פאַרנאַכט,
אַ סטרונע וועט זים זיך אין האַרצן צו שפּילן,
פאַרוויגן אין טרוימען פון ערינונגס־פּראַכט.

## א. נ. שטענצל

# אין נעפּל

I

פון נעפּל אַרויס צעהירזשעט זיך אַ פערד
און קומט אויף גיך, ביז צום טייכל געלאָפן,
זיין אייגענע מאָרדע וויל עס דערזען כאַטש — —
איבער אַ שפּיגל מיט אָטעם איבערלאָפן,

הויבט עס כסדר דעם פאָדערשטן פוס אויף,
און שאַרט און ווישט מיט דער אייזערנער פּאָדקאָווע.
און זיין געהירזשע ווערט אַזוי יאָמערלעך —
אינמיטן נאַכט אַן אויפגעשריגענע סאָווע !

II

ווי שטיל עס שטייט דאָס דער בוים, ווי אויסטערליש,
אַז ער דערדריקט שיעור מיט זיין קאַלטן שוויינן ;
אַ מרה־שחורה׳ניק מיט פאַרקראַמפּטע הענט,
הענגען אַראָפּ זיינע אויסגעצערטע צווייגן.

זעען אַלע ביימער אויס אַזוי אַצינד,
אָדער נאָר דער וואָס שטייט פאַר מיין פענצטער דרויסן ?
אַריינבליקנדיק אין מיין סמוטנעם שטיבל,
און דערזעענדיק מיך פאַרלאָזט און פאַרשטויסן — —

II

אַ קאָטער אַזאַ, דערשראָקן געהויקערט,
קאַרטשעט זיך מיין רוקן קאַלט און געבויגן ;
קריכט אַרויף אויף מיין שויס דאָס קעצל,
קוקט מיט אַזויפיל גוטסקייט מיר אין די אויגן —

אָ, אין דעם גרויען געדיכטן נעפּל אַצינד
דאָס ביסעלע גרין אין די צעשטראַלטע אַפּלען !
און לעצטער צאַפּל אין מיין פאַרלאָשן האַרץ,
הויבט ווידער אָן אויפצוצאַנקען און צו צאַפּלען.



# אין אַ פינסטערער נאַכט

(פאַר ע. 24־טן, 12־טן)

I

איך געפין נישט מער דעם וועג צו מיין האַרץ,
אַז פול מיט שטרויכלונגען איז דאָס לעבן ;
ווי לייכט וואָלט עס געווען פאַר מיר אַצינד,
דעמלט מיין האַרץ דיר אַ וועקגעגעבן.

כ׳וואָלט געקומען צו דיר אַזוי ווי כ׳בין,
פון וויי̇טסטן וועג פאַרוויסט און צעבראָכן,
אַן וואָלט מיין האַרץ אַ געשטילטס געפונען,
אונטער דיין ברוסט אַזוי רואיק טיאָכן.

II

האָסט דו דיין האַרץ וואו ליגן געלאָזן,
דעמאָלט פון מיר אויף זיין וועג, דיין לעצטן,
און פאַר דערפאַר פול מיט שטרויכלונגען איז,
יעדער טראָט פון לעבן, מיין געהעצטן ?

איך געפין נישט מער דעם וועג צו מיין האַרץ,
ווייל מיט צוויי איך בין איבערגעלאָדן !
און זייט דעמלט גיי איך איבער דער וועלט,
אַ געפאַנג וואָס גייט אין פרעמדן שאָדן.

# פולע לבנה

עס וואָלט זיך פאַרלוירן די זון אין איר גאַנג,
האַלט נישט איר שיין געפאַנגען געפרוירן טייכל ;
צוזאַם מיט זיין ליבע פערגאַנגען דער מענטש,
ווען נישט אין האַרצן אַ געבליבענער שמייכל.

און אין ווינטער נעכט, אין פולע לבנה,
מיוקעצן די קעץ זייערע צער־געזאַנגען :
אויפן „מילך־וועג“ דרויסן אַ טעצל מיט מילך,
און אַרויף דער צו זיי קאָנען נישט דערלאַנגען — —

## פריש געפאַלענער שניי

ס'איז מיין פענסטער אַ צעגלאַנצטס מיט שויבן,
פאַר אַ העפטערין פאַר געשפּאַנטן שטריק־רעם.
און מיט דינינק נערעלע און פינגער,
מיט געבויגענעם קאָפּ זיצט די זון פאַר דעם — —

וואָסער קווייטן און בוימער קונציקע,
פון דעם פלינקן העפטן און נערעלע ניי!
יאָ, די שיטנדיקע בליטן פון זיי,
ס'איז אינדרויסן דער פריש געפאַלענער שניי...

## ווינטער זון

ווי אויסטערליש שטיל ס'שטייט דרויסן דער בוים,
פונקט ער וואָלט זיין אייגענער שאָטן געווען,
אָבער אַ סימן פון לעבן ס'איז דאָך;
ווי לאַנג דעם אייגענעם שאָטן נאָך מ'קאָן זען.

אַ נס וואָס די זון גרייכט נישט צום צעניט,
וואַרפט שאָטנס אַ גאַנצן טאָג ווי אין באַגין — —
און אונטער מיינע אויגן די שאָטנס,
איז דאָך אַ סימן אַז לעבעדיק נאָך כ'בין.

## די צוויי לעצטע לידלעך נאָך פאַר דיר

1. אַ לידל ווי קליין ס'זאָל נישט זיין

כ'וויל אַ לידל, און ווי קליין ס'זאָל נישט זיין,
אויסזינגען, איידער נאָך ס'איז נישט צו שפּעט;
דער זינדיגסטער, דער געזונקענסטער נאָך,
ווייל דאָך נישט שטאַרבן אָן לעצטן געבעט.

גאָרנישט און פון קיינעם בעטן איך וויל,
נאָר פאַר מיר אַליין זאָל דאָס לידל זיין,
און מיט מיין לעצטן אָטעם אין דער לופט
זאָל'ס פאַר מיינע אויגן בלייבן מיר שטיין.

און אַז ס'וועט אַראָפּפאַלן, צעבראָכן,
וועלן זיי ווערן די שערבעלעך צוויי,
אויף מיינע זיך שליסנדיקע בליקן,
מיט פליסטערנדיקע שמייכלען אין זיי.



און וועסט דו דעמלט שטיין מיר צוקאָפּנס,
מיין נאָמען איינגעביסן אין דיין ליפּ,
אויפעפענען צוריק כ'וועל פלינק מיין בליק,
אינמטין מיין כאָרכלדיקן געכריפּ — —

אַזאַ אומשטערבלעכע גסיסה־רגע
ווי דויערן זי קאָן דאָס אומענדלעך לאַנג!
און דיין פּנים, מיטנעמענדיק מיט זיך
אין מיין טויט, עס וועט נאָך ווערן געזאַנג.

2. לעצטע דאַליע

פון נעפּל אַרויס — ווילדער טאָג
ווינדיק די פּאָלעס צעפלאָשעט אין טאַנץ,
מיט דאַליע גאַנץ דערפרוירן שוין,
אַ דערפרייטע אין איר לעצטן־אויפגלאַנץ.

דעם בלעטער שאָרך אונטער זיין שריט,
וויאַנענדיק וויינענדיק: „דו שטאַרבסט, דו שטאַרבסט",
שפּרייט ער אַריבער מאַיעסטעטיש,
מיט דער געקרוינטער קעניגין פון האַרבסט.

די ראָסע טראָפּן לייכטן אַראָפּ,
ציטער־נאָדלען מיט דימענטן באַזעצט.
און פונם טאַנץ פונם צעהיצטן
איר וואָגיק לייב פון נאַסן שווייס באַנעצט.

פון נעפּל אַרויס אַ ווילדער טאָג
לייכט פאַרבויגן אין לעצטער עלעגאַנץ,
צו דערהערן דעם שאָרך פון איר קלייד,
און דעם סקריפּ פון אירע שיכלעך ביים טאַנץ.

איר שיינקייט וואונדערלעך און פאָרנעם.
אויסגעבלוטיקט מיט טראָפּן לעצטן רויט,
און קעניגלעך אַזוי שטיינבלייבן
וועט זי נאָך, אין דער רגע פון איר טויט.

## פרץ זילבערבערג

א באפרייטער פון דייטשע גיהנום לאגערן, היינט אין לאנדאן

### שטימונגען

(צום נייעם יאר 1947)

דורך א שווערן פינסטערן וועג גייען מחנות געפייניקטע און פון הונגער געבראכענע געמיטער, אזוי ציט זיך דורכן שווערן, מיט פיל שוועריקייטן פון אלע מינים אויסגעפלאסטערטן וועג, דער גאנג אין לעבן. ער איז דורך זיין פארשידנארטיקייט און מאזאאישקייט א געראנגל פון מאטעריע קעגן נאטור פון גוף קעגן גייסט, פון אלעם קעגן אלעמען. עס הוידן זיך אלע זיינע אומענדלעכע וועגן און שטעגן באהאפטענע כוחות, באהאלטענע ווענגס, באהאלטענע וועלטן. נישט איינמאל ראנגלען זיך צעברומטע אטאמען מיטן ווילן פון פארים, נישט זעלטן ווערן ריזיקע נאטור־אומענדלעכקייטן פארכאפט פון ווילדן טאנץ פון כוח פון אומקום פון צעשטערונג פון טויט. עס ווירבלט און עס שווימלט מיט אמבאגרייפבארעס, מיט מעכטיקעס. עס וועבן זיך צונויף קרעפטן און כוחות כדי צו בויען און כדי צו פארניכטן פון אויסגאנג פון אזעלכע כוחות פארמעסטונגען זענען אפהענגיק גאנצע געשיכטעס, גאנצע עפאפעיעס.

אויב געשיכטלעך גייען געוויסע געשעענישן אריין אין בילד פון וועלטס־פנים און שיינען מיט זייער אייגנארטיקייט ארויס אלס איבערבלייבעכץ פון געוויסע עפאפעיעס, אלס א צייכן פון זייער ארט, דאן וועבט זיך ארום דער צייט, געשעעניש אדער טראגעדיע — א געוויסע שיטה, א געוויסער באגריף, טיילמאל ציען זיך פעדים פון אזעלכע צייט־אפשניטן, דורך לאנגע צרות אין דער געשיכטע אריין וועלכע בינדן מיט זייער אינהאלט און פארנעם וועגן פון פעלקער, קאנטינענטן און יחידים. ניט איינמאל באהערשן זיי דעם גייסטיקן פסיכאז פון דער גזעלשאפט און שאפן גאנצע שיטות און יעדעס, וועלכע זענען פועל יוצא'ס פון דער אדער יענער געשעעניש, פון דער אדער יענער פאסירונג אדער איבערברוך מיט זיי ווערן פארבינדן ווייטערע יסודות פון פראגרעס און מיט זייער טאג בינדט מען חלומות מיט זייער אינהאלט און עמאציע ווערן דינאמיזירט לעבנס־באגריפן פון ווייט גייענדיקע פארנעמען. און נישט איינמאל איז פון ריכטיקן פארשטיין פון געשעענישן אפהענגיק די פארמיידונג פון דעם אדער אנדערן מין, אין דעם פאל באציט זיך מיין געדאנקן וועג אויף דער אקארשט וואס דורכגעלעבטע טראגעדיע אין גאנצן געזעלשאפטלעכן סדר פון אונזער פאלק.

דורך דעם געראנגל פון פראגרעס און רעגרעס איז צעמאלן געווארן א שפרודלדיק לעבן פול מיט שעפערישקייט און רייכקייט. דורך די רעדער פון דער שנעלער אנטוויקלונג פון אונזער צייט זענען צעשניטן געווארן שטראלענדע שטערן וועלכע האבן פארמאגט אין זיך דעם כוח פון ארויסשטראלן



און באלייכטן. אויב זייערע שטראלן וועלן ווייטער לייכטן אין ארום מיט זייער גלאנץ און עפטער נאך פארשטארקט ווערן מיט פרישע ליכטן איז אפהענגיק, אין ריכטיקן וועלן פארשטיין זייער יסוד, זייער אינהאלט, זייער כוח. אויב וועט מען עס ריכטיק אויסטייטשן און אפגעבן דעם ריכטיקן פלאץ, דאן וועלן די פריצייטיק פארלאשענע ווענגס, צוריק אויפשטראלן אין דער געשיכטע אריין און וועלן באלייכטן די נייע וועגן. דאן וועלן די טראגישע געשעענישן אריין אין דער געשיכטע און ארום זיי וועט מען בויען יסודות, מיט זייער אינהאלט וועט מען באצירן פרישע, בעסערע וועגן. איך האף אז דאס וועט געשען און אז נאכן קורצן איבעררייס וועט ווידער ארויסקומען א העלע ליכט מיט מער כוח, ווייל זי וועט זיין א באשעפטיקטע מיט באלערנדיקע קאנסעקווענצן פון אויפן פון לעבן און שאפן.

## משה עובד

### וואס איז דען דער זינגער?

(אונזער הארציגן בן שבעים אברהם רייזען)

וואס איז דען דער זינגער,
דער בעל־מלחמה פאר שטומע צינגער?

— ער קעמפט ביזן טויט מיטן טויט,
ער לאזט פון קיין זאך די נשמה נישט שטארבן,
ער ווארפט ס'טויטע צום טויט:
„נאדיר! פרעס דיין ברויט!“
אבער די נשמה טוט ער ארבן.

און ווען ער הערט דעם ציטערדיקן רוף,
באקליידעט ער די גע'ירשנטע נשמה
מיט א נייעם גוף;
וועבט אויס דערפאר א זיידן קליידעלע,
מאכט דערפאר א ווייס שערצעלע
ארום דעם קלאפנדיקן הערצעלע,
און ס'בליט ווי א יום־טובדיק מיידעלע,
בא'חנ'ט ווי א באבעלע,
און א גבור ווי א זיידעלע!

## אליהו פאלושאק

# „אונטערן האקנקרייץ“

(באטראכטונגען צו זיינוול דיאמאנט׳ס באנד נאָוועלן „אונטער האקן־קרייץ“)

אין שפּעט־פרילינג פונם יאָר 1927 אין דער צייט פון פינגסטן (קריסטלעכע שבועות) האָב איך מיך אָפּגעשמועסט מיט מיינעם אַ יונגן פריינט צו מאַכן אַן עקסקורסיע אויף וועליסאָפּעדן (ראָווערן) פונם רור־געביט קיין רהיינלאַנד. עס איז געווען אַ זוניקער זונטיק אינדערפרי, מיר האָבן געהאַט דעם ווינט אין רוקן, שוין זענען מיר אין לאַנגענבערג, און באַרג אַרויף טרעטן מיר מיט כח אונזערע פעדאַלן לאַנגזאַם און זיכער נאָך רעמשייד, דער העכסטער שטאָט אינם בערגישן לאַנד; פון דאָרט איבער ווערמעלס־קירכן אין אָפּלאַדען קומען מיר אַריין נאָך מילהיים ביים רהיין, אַ פאָרשטאָדט פון דער גרויסער רהיינישער מעטראָפּאָליע קעלן.

קעלן מיט איר באַרימטער נאָרד־גאָטישער קאַטעדראַלע, גוטע האָטעלס, עלעגאַנטע קאַוויאַרניעס, קינסטלערישע טעאַטערס, אָפּערן־הויז און מוזעאום׳ס איז דאַמאָלט געווען אַן אָנגענומענער אָנציאונגס־פּונקט פאָר פרעמדע און רייזנדע. אָבער דאָסמאָל איז אונזער רייזע־ציל נישט געווען דאָס „אַלט־גאָלדע קעלן“ מיט זיינע נישט־פרייסישע גוטע מאַנירן און געמיטלעכע מערב־אייראָפּעאישע גאַסטפריינטלעכקייט, נאָר דאָס זיבענגעבירגע, די באַרימטע באַרגקייט, וואָס ציט זיך איבער דעם רעכטן רהיין־ברעג פון באָן־בויעל ביז צום קוראָרט האָנעף ביים רהיין.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ קעלן־מילהיימער גאַסטהויז, און מאָנטיק אינדערפרי האָבן מיר נעבעך אָנגעטראָפן אַרעגנדיקן מאָרגן און אַ רעגנדיקן טאָג און דערצו נאָך אַ ווינט, וואָס פּאַטשט דיך אויס און שפּייט דיר דאָס רעגנוואַסער אין פּנים אַריין.

די קנאַפּע 40 קילאָמעטער ביז אבערדאַלענדאָרף, וואו מיר האָבן געוואָלט איינשטיין און פאַרבּרענגען דעם טאָג מיט וואַנדערונגען און „פאָרשונגען“ האָבן געדויערט שעהן, און ווען מיר זענען אָנגעקומען האָבן ווייכע גלאָקנטענער פון אַ דאַמאָלס נאָך פרייען דייטשלאַנד אונז באַגריסט. פון באַשיידענע אַרבעטער־און קליינבירגער־הייזער האָבן געפלאַטערט די פאָנען פונם דאַמאָלס רעפּובליקאַנישן דייטשלאַנד (שוואַרץ־רויט־גאָלד) און קירכן־שטאַנדאַרטן — צוליב די קירכלעכע פּראָצעסיע, וואָס זענען פאָרגעקומען לכבוד די פינגסט־יום־טובים.

כאָטש מיר זענען געווען אדורכגעווייקט פונם רעגן, זענען מיר געווען באַהערשטט פון אַ לייכט געמיט. עס האָט זיך אונז געדאַכט, אַז מיר קומען צו פריינט. די קליינע הייזלעך מיט זייער געוועלבלעך, אויסגעשטעלטע זאַכן אין די שויפענסטער; די קאַוויאַרניעס, רעסטאָראַציעס און פענסיאָנאַטן מיט



זייערע קירכלעכע און מלוכה׳שע פאָנען — זיי האָבן נישט קיין שנאה צו די אָנקומערס. די איינוואוינער ווילן זיך איבערשטייגן אין פריינטלעכקייט, און טראָץ רעגן און ווינט קומט דאָ עפּעס פאָר אַ קאָנקורס פון גוטע מאַנירן.

און אזוי ווי מיר שטופּן אונזערע ראָווערן באַרג־אַרויף, (אַרויפפאָרן האָט מען דעם הויכן באַרג נישט געקענט) קומט עפּעס פון אַ זייטן־געסל, אויך אויף אַ ראָווער עפּעס אַרוים אַ משונהדיקע בריאה אין אַ פּאַראַזש־היטל און ווינט־יאַקע, אויך אדורכגעווייקט פון רעגן און פונם לינקן אַרבל זיינעם שפּרינגט אונז אין פּנים אַריין אַ שוואַרץ האַקנקרייץ אויף אַ ווייסן קרייז פון אַ רויטן אָרעמבאַנד.

אַ האַקנקרייץ! יאָ, האָט מען דאָך געשמועסט, אַז עס זענען עפּעס דאָ אַ פּאָר טויזנט משוגענע פאַנאַטיקער אין דייטשלאַנד, וואָס טרייבן דעם אַלטן וואָטאַן־קולט. דאָס האַקנקרייץ איז זייער „מגן־טויטאָניקום“, זייער קמיעה און עמבלעם, משטייגנסנעזאָגט. אָבער ווער נעמט זיי ערנסט, אָט די דאָזיקע ווילדע בּרואים. „דאָס דייטשע פאָלק האָט דאָך אַזאַ געזונטן חוש פאַר ווירקלעכקייט, יושר און קולטור“. און האָט מען אַמאָל אין אַ קאַוויאַרניע אָדער „בירשטובע“ אויף אַן אונטערגעסל געפונען אויפגעדרוקט אַ האַקנקרייץ, האָט מען געשווינט געשריבן אַן אונטערטיטל: „דאָס האַקנקרייץ איז דער צייכן פון די בבל׳שע אָקסן“. וואָרים באמתדיק זענען די אָקסן פונם אַלטן בבל געוואָרן געמאַרקט מיט אַ בראַנדצייכן ענלעך צום גערמאַנישן האַקנקרייץ.

*  *  *

אָבער זעקס יאָר נאָך דעם דאָזיקן טרעפעניש האָט דאָס האַקנקרייץ שוין רעגירט איבער לייב און לעבן, מוח און נשמה פון עפּעס באַלד 80 מיליאָנען „אייראָפּעאישע“ מענטשן. אפשר גאָר אַנדערש — האָט דאָס האַקנקרייץ אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון הארץ און מוח פון אַ גרויס און פּעאיק פאָלק. און ווער ס׳האָט געלעבט מיט דעם דאָזיקן פאָלק האָט געלעבט אונטער דעם שאָטן און מיט דעם שאָטן פונם האַקנקרייץ. אין שטוב, אין גאַס אויף יבשה, וואַסער און ביז גאָר אין די הימלען אַריין האָט רעגירט דאָס אייזערנע, מעשענע, פּאַפּירענע און גאָלדענע סימבאָל פון די טויטאַנען — דאָס האַקנקרייץ.

דער אָנהייב פון דער דאָזיקער עפּאָכע, ווען מיר האָבן געהאַנגען „צווישן הימל און ערד“ (זע א. נ. שטענצל „צווישן הימל און ערד“ אַ באַנד שירים דערשינען אין בערלין, 1936) האָט אונז צייטגענאָסן אָנגעטראָפן מטושטש און צעטומלט. מאַנכער האָט נישט געקאָנט געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט, מחמת ס׳האָט געהערשט פּחד, באַדריקעניש און טרויער.

און נאָך זעקס יאָר שפּעט האָט מולך האַקנקרייץ אויסגעשפּרייט זיינע אייזערנע, גילדענע, מעשענע און פּאַפּירענע לאַפּעס נאָך מזרח, מערב, צפון און דרום. און ס׳האָט אויסגעזען, אַז „וואָטאַן“ און „טאָר“ (אַלט גערמאַנישע געטער), קריכן אַרויס אויף אייביק פון די פינצטערע באַהעלטענישן פונם

טויטאבורגער וואלד און ווילן רעגירן מיט שווערט, האַק, ביקס, פּייער און סם קעגן שוואַכע און אומבאַשיצטע.

און ווער עס האָט פאַרשטאַנען, אַז די הערשאַפט פונם האַקנקרייץ איז נישט קיין עפּיזאָד, וואָס ווערט דערלעבט און פאַרגעסן, נאָר אַ געפערלעכער פראָוואָקאַטיווער אַריינשניט אינם זיין און מהות פון אונזער תקופה, וועט אייביק לעבן מיט די איינדריקן פון דערלעבענישן און דערפאַרונגען פון דער צייט. ווען ער האָט אַליין געלעבט אונטערן שאָטן פונם פאַרשאָלטענעם האַקנקרייץ און ווער פון אונזערע שרייבער און דיכטער ס'האָט געהאַט וויזיע, אויפגאַבע, טאַלענט און כּוח האָט געשאַפן אָדער פּראָבירט צו שאַפן עפּעס צייטלעכעס און מאָנומענטאַלעס פון דער דאָזיקער עפּאָכע. און ווער ס'האָט געקענט און געוואָלט, האָט געגעבן אַ שפּרונג צוריק און געשעפּט פונעם מקור פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אוי, וויפל פון זיי (און איך רעד נאָך פון די וואָס האָבן דעם אמת'ן טאַלענט) פאַרבלאָנדזשן זיך אין דעם עבר, ווייל די קעגנוואַרט איז אַזוי שטאַרק אָנגעפילט מיט טרויער. עס פעלט דער ברען און עקסטאַז צו שרייבן וועגן דער צוקונפט. נאָך אַזאַ חורבן? די אָפּגעדראָשענע פראַזע קלינגט ווי אַ פאַלשע מטבע. די קעגנוואַרט האָט אונז פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

און די לעצטע 13-14 יאָר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ קליינע ליטעראַטור, וואו עס קומט צום אויסדרוק אונזער צער, ווייטיק און צאָרן פון דער צייט, ווען מיר האָבן געלעבט אונטערן שאָטן פונם האַקנקרייץ. און ווען דער גרויסער חורבן פון אונזער אויסגעקוילעט פאָלק איז געווען פאַרביי, האָבן זיך געפונען יחידים, דעפּאָטירטע, וואָס זענען געבליבן לעבן און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די מאָדערנע „קאַטאַקאָמבן" און וואַלד־גריבער, וואָס האָבן אויפגעשריבן כראָניקעס פון זייערע דערלעבענישן (א. סוצקעווער „ווילנער געטאָ") אָדער געשאַפן שמערצלעכע אויסגעשרייען אין פאָרם פון אַ קליינעם באַנד שירים (משה שולשטיין „אויף דער אש פון מיין היים"), אָדער נאָוועלן און רעפּאָרטאַזש־דערציילונגען, ווי דער איצטער דערשינענער נאָוועלן־באַנד: „אונטערן האַקנקרייץ" פון זיינוול דיאַמאַנט.

אַ סך פון אונזערע שרייבער דאָ און אין אַמעריקע, וועלכע האָבן קענען־געלערנט אונזער חורבן נישט מיט זייער פיזישער און פּסיכישער נאָענטקייט, נאָר פון צייטונגס־ידיעות און ראַדיאָ־מיטטיילונגען ,האָבן זיך שטאַרק באַמיט צו פאַרפּאָעטיזירן און כראָניזירן דעם גורל פון אונזערע מאַרטירער. מען מוז זאָגן, אַז נאָר אַ מיעוט איז עס געלונגען אַרויסצוברענגען עכטקייטם. צו דעם דאָזיקן מיעוט ציילן ה. לייוויק, א. לעיעלעס, א. נ. שטענצל, יוסף הלל לעווי און אַנדערע, וועלכע וועלן אפשר אין אַ שפּעטערן אַרטיקל ווערן דערמאָנט.

זיינוול דיאַמאַנט האָט אין זיין בוך ,אונטערן האַקנקרייץ" אָנגעשריבן ניין נאָוועלן און רעפּאָרטאַזש־דערציילונגען און זיי איבערגעגעבן אין אונזער רשות. אַזוי ווי א. סוצקעווער האָט געטון מיט זיין „ווילנער געטאָ". מיר



הייבן אָן מיט „סאַבאַטאַזש" און „סאָף קאַנדוויט" און ווערן דערפרייט פון יידישע מענטשן, וואָס פאַרלירן נישט זייער מענטשלעך באַוואוסטזיין און הומאָר אויך אונטערן שווערן יאָך פונם האַקנקרייץ. קומט מען אָבער צו דער דערציילונג „קול שופר", ווערט אנז דער אָטעם פאַרכאַפּט פון סוזשעט, פאַר־גאַנג און שילדערונג. מען שפּירט דאָ די שטאַרקייט פון אַ גרויסן דערלעבעניש. דער מחבר ענטוויקלט זיך דאָ נישט סתם צו אַ דערציילער. „קול שופר" איז אַ שטיק גוטע עפּיק אין יידיש. נישט ווייניקער איבערציינגענדיק אין עכטקייט און לעבעדיקייט איז „האָטעל רוזוועלט" מיט זיינע פאַרשיידענע יידישע כאַראַקטערן און טיפּן. אַזאַ ר' יעקב גראָדזשינסקי און אַזאַ ר' חיים — דער איינער מיט זיין יידיש־אַריסטאָקראַטישער נעלאַסנקייט און דער אַנדערער מיט זיין פּיפּיקייט, געשווינטקייט, אַנטשלאָסנקייט פּאַסן עפּעס גאָרנישט אַריין אין דער סביבה פון דער פראַנצויזישער ריוויערא. זיי זענען יהופּיצער און קאַסרילעווקער. עפּעס אַ משונהדיקער גורל האָט זיי דאָ אַהערגעשלעפּט און זיי זענען דאָ. און עס איז גוט, אַז זיי זענען דאָ און העלפן און ראַטעווען איבער די כּחות. און עס דאַכט זיך אונז, אַז אפשר לעבן מיר אין זכות פון אַזעלכע גאָספּאָדין גראָדזשענסקים און ר' חיים'ס, וועלכע דער מחבר האָט געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן אויף זיין לעבנסוועג, און עס קומט אים אַ דאַנק, וואָס ער האָט זיי און די אַנדערע טיפּן, דעם פּאָעטט און די פאַר־שיידענע רבנים פון פוילן, גאַליציע און פראַנקפורט (דער יעקישער „דייטש") אַריינגענומען אין דעם שיינעם פּאָטאָ־מאָנטאַזש פון דער דערציאונג „האָטעל רוזוועלט".

פון די אַנדערע נאָוועלן איז די אונטער דעם נאָמען „אין קינדערהיים", די פיינסטע און עס וואָלט געווען כּדאַי, אַז אונזערע קינדער, וועלכע האָבן נישט געלעבט אונטערן פאַרשאָלטענעם דרוק פון האַקנקרייץ, זאָלן באַקאַנט ווערן מיט די פאַרשווינדלעך און האַנדלונג פון דער דאָזיקער דערציאונג.

מיר לעבן איצטער נאָך אונטערן דרוק פון די אויסווירקונגען פון אונזער גרויסן חורבן. די נאָענטע פאַרגאַנגענהייטט, וועלכע איז נאָך אַ שטיק קעגנ־וואַרט, האָט אונז פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זיינוול דיאַמאַנט'ס בוך „אונטערן האַקנקרייץ" גיט אונז אינטערעסאַנטע מאָמענטן און שטריכן פון דער דאָזיקער צייט.


## פריינט פון יידיש לשון

פרייע אַריינטריטס־קאַרטן פאַרן

## פאָלקלאָר אוונט אין טאַינבי האָל

זונטיק, דעם 12טן יאַנואַר, 7.30 — זיך צו ווענדן צו דער שוישפּילערין

ד אָ ר אַ   ד י מ אַ נ ט

59 בראָדהאַרסט גאַרדנס, נ.וו.6. טעלעפאָן: מייד־ווייל 1402.

## משה סאנדערס

# שטודיעס אין אלט יידישער ליטעראטור

## 1
## יידישע פריוואט-בריוו פון יאר 1567

פריוואטע בריוו זיינען א וויכטיקער מקור פאר געשיכטע, בפרט פאר געזעלשאפטלעכע געשיכטע. זיי שפיגלען אפּ א טייל פון לעבן וואס איז מער אדער ווייניקער פארדעקט. ווען ד״ר אלפרעד לאנדוי און בערנארד וואכשטיין האבן פארעפנטלעכט זייער זאמלונג פון יידישע פריוואט־בריוו — וואס זיינען געשיקט געווארן פון פראג קיין ווין אין יאר 1619, 1)——האט דאס ארויס־גערופן גרויס אינטערעס. זייער אינטערעס איז געווען פילפאכיק, מצד גע־שיכטלעכן, פאלקטימלעכן און לינגוויסטישן ווערט, פון יענער צייט האט מען אנגעהויבן צו פארעפנטלעכן ביסלעכווייז, פון צייט צו צייט, בריוו וואס האבן פיל געהאלפן צום פארשן די אלט יידישע שפראך 2). דעריבער מוזן מיר זיין דאנקבאר צו פראפעסאר שמחה אסף, פון דער העברעאישער אוניווער־זיטעט, ירושלים, פאר די דריי אינטערעסאנטע בריוו אין יידיש, וואס ער האט לעצטנס פארעפנטלעכט אין זיין נייעם בוך — „מקורות ומחקרים בתולדות ישראל״ — כרך א׳, ירושלים, שת״ו 3). פראפ. אסף איז איינער פון די פרוכטבארע העברעאישע שרייבער פון אונזער צייט — און קיין זאך אין יידיש איז אים נישט פרעמד. זיינעדיק א פאר מאנאטן פארן קריג אין קעמברידזש האט ער געפונען די דאזיקע דריי בריוו. זיי זיינען א טייל פון די גרויסע זאמלונג פון האנדשריפטן וואס ווערט גערופן „טיילאר—שעכטער זאמלונג, און זיי שטאמען פון דער אלטער „גניזה״ פון פאסטאט — מצרים.

די שרייבערין פון די בריוו איז רחל, די טאכטער פון ר׳ אברהם פון פראג. זי איז די אלמנה פון ר׳ אליעזר זוסמאן אשכנזי פון ירושלים, און זיי זיינען געשיקט געווארן צו איר זון ר׳ משה סופר תפילין, וועלכער האט גע־וואוינט אין קאהירא — מצרים. דער דריטער בריוו איז צו ר׳ **יעקב כ״ץ** בר׳ אברהם פון ויניציאה (ווענעדיג) אבער עס איז געשיקט געווארן ווי די ערשטע צוויי צו איר זון משה׳ן, כדי ער זאל דאס איבערשיקן. צום סוף פון

1) וויען און לייפציג 1911.

2) אין צווייטן באנד „היסטארישע שריפטן פון ייווא״, האט פארעפנט־לעכט ד״ר י. ווינריב זיבן בריוו, וועלכע זיינען געשריבן געווארן אין תשרי, שמ״ט (1588). אויך אין פערטל יאר שריפט „געדאנק און לעבען״ — באנד 2, יולי—אקטאבער, 1944, נומער 2־3,האט ער אפגעדרוקט צווישן פילע העב־רעאישעבריוו, איין יידישן בריוו פון **בער אייבשיץ** צו **יאהן קריסטיאן וואגענזייל**, ז׳ 123—125.

3) פריער געדרוקט אין פציון״ שנה ז׳ 65־72.



דריטן בריוו שרייבט זי: „מיין ליבר זון שיק דעם בריב מהר״ר יעקב״... ווי מיר זעען יעצט איז דער לעצטער בריוו ניט אפּ־געשיקט געווארן קיין ווענעדיג און ווארשיינלעך זיינען זיי אלע אריינגעווארפן צווישן די שמות אין דער אלטער פאסטאט שוהל, און דארט זיינען זיי געלעגן אן ערך פון דריי הונדערט און פופציק יאר.

בריוו פון ירושלים זיינען ניט קיין זעלטענהייט 4), אבער בריוו גע־שריבן אין יידיש זיינען יא, בפרט פון די יארן פון צווייטן טייל פון זעכצטן יארהונדערט. מיר קענען לערנען פון זיי פיל איינצלהייטן פון מצב פון די יידישע איינוואוינער, כאטש לעבענסמיטלען זיינען געווען בזול, איז אבער קיין געלט ניט געווען. די שרייבערין וועלכע איז שוין געווען א זקנה, שרייבט, אז די אנדערע איינוואוינער ווארטן אויף איר טויט כדי זיי זאלן איר קענען ירשנען: „חס ושלום טו איך איין אויג צו דא נעמען זי אלז״. דיזע באהויפּטונג איז אויך באשטעטיגט פון רבי עובדיה די ברטונורא (דער רע״ב), אין זיין בארימטן בריוו פון יאר 1488. „כי הזקנים עיניהם פקוחות ויחלו כמטר שימותו הגרים הבאים בארץ למען יירשום״ 5).

מיר געפינען איינצעלנע אויסדרוקן וועלכע זיינען שווער צו פארשטיין, און וואס וועלן זיכער אינטערעסירן פארשער פון אלטן יידיש. בכלל קענען מיר זאגן דאס די יידיש איז פיל ענלעך צם יידיש וואס איז באנוצט אין די גביות עדות פון די „שאלות ותשובות״ פון יענער צייט. ווי גע־וויינלעך געפינען זיך פילע העברעאישע אויסדריקן, און אויך זאצן פון תנ״ך און גמרא. ווי עס זעט זיך אויס איז די שרייבערין געווען א מלומדת. דער לעזער וועט זיכער באלד געוואוינט ווערן צו איר שפראך, און דעריבער בין איך מקצר אין די באמערקונגען. זיי זיינען אם מיינסטנס געגרינדעט אויף די פון פראפ. אסף.

אזוי ווי די דריי בריוו זיינען שוין צוויי מאל געדרוקט געווארן פון פראפ. אסף, גיב איך דא נאר איין בריוו, כדי דער יידישער לעזער זאל זיך זעלבסט

4) אגרות ארץ ישראל פון אברהם יערי, תל־אביב, תש״ג.

5) אגרות ארץ ישראל ז׳ 128: ווארום די זקנים, זייערע אויגען קוקן אויס, ווי איינער האפט אויף רעגן, כדי די אנקומענע פרעמדע זאלן שטארבן און זיי זאלן זיי ירשנען. דער זאץ איז די ערשטע קוועלע פון א תקנה וואס האט אנגעהאלטן פון אור־אלטע צייטן ביז די גרינדונג פון די נייע יידישע קאלאניעס אין ארץ ישראל. מיר געפינען אין די שאלות ותשובות פון די לעצטע פיר הונדערט יאר א גאנצע ריי באהאנדלונגען וועגן דאס דורכפירונג פון דער תקנה. ווי עס זעט זיך אויך אויס איז דאס געגרינדעט דורך אן עקא־נאמישן גרונט. אזוי ווי די פירער פון ישוב זיינען געווען פאראנטווארטלעך פאר די שטייערן פון אלע יידן פון ירושלים און די אנדערע ישובים, זיינען זיי ממילא געווען די יורשים פון די וועלכע זיינען געקומען אפלעבן זייער לעצטע יארן אין ארץ ישראל. אן אויספירלעכן אפהאנדלונג געפינט זיך אין **„אזכרה״**, באנד 5, פון אליעזר ריבלין — תקנות העזבונות בירושלים, ובא״י, ז׳ 619־558.

באקענען מיטן יידיש וואָס אונזערע אור־עלטערן האָבן באַנוצט פאַר זייער טאָג־טעגלעכן לעבן.

## [קאמברידזשי׳ האנדשריפט [LIB. COLL. LOAN BOX 21

חיים ובריאו׳ ושלום יתן לך שברא העולם, וברכה והצלחה / בכל משלח ידיך, לאהו׳ בני היקר והמעול׳ כ"ר משה / יצ"ו, ולזוגתך שת׳, ולבנך יגדל לתור׳ ולמעשים טובים, / ולכל הנלוי׳ אליך יצ"ו, בריאותי ת"ל תבושר, וממך כל / טוב בל יחסר. מיין ליבר זון יצ"ו, מיר איז זיר בנג / דז איך בעו׳ אזו לנג קיין בריב בון דיר ניט האָב גיהט. / דיין טאָכטר שת׳ די האט מיר אויך וויל קרפט גינומן / מיט אירן איין וועק ציהן. אירר מן גיבט איר גירעכטן זי האט ניט וועלן בייא דער שווינר בלייבן; זי האט / זעלברט ניט דז ברויט צו עשן. אונ׳ איך בעו׳ האב עז / ניט בור מוכט אויז צו הלטן. העט איך עז קינן טון / זא העט איך עז צו מיר גינומן, מיין ליבר זון, טו / אים דז בעשט און 6) דיין שאדן. דיין איידן איז בעו׳ / אזו וויל שולדיג דען גוים, זיין הויז איז דר בון, אונ׳ / האט אים בילא אלז בור קויפט דז עז בעו׳ נישט האט / מער און צו טון, ב׳ קליידר האט זי אים גימכט חנה אויז דיין זיידן טרהא 7), / איינז צום קנין 8) אונ׳ איינז צו דער חתנה, דז האט ער / נון שר צו ריסן. איך קן דיר ניט אלדינג שרייבן / וואז ער בור נרהייט 9) האט גיטאן. ער האט ערב / גיוועזן בור זיין ברודר אונ׳ בור משה לייד אונ׳ / בור דיינר שווינגר לייד. ער האט ניט גיהט צו צאלן / דא האט ער אימרדר רבית אויף רבית געבן. / דיין בילז 10) גרעט איז אלז אין רובי 11) איין וועק גנגן, / אונ׳ אלז וואז זיין מוטר האט אים הויז גיהט. / דרום ליבר זון זיך דיר בור רזער דיך ניט און זעצט / ח"ו אונ׳, זייא כלל וכלל ניט ערב בור אים נאָך בור / נימנט, אונ׳ מערק אויף דז ער ניט ווייט ציכט / אונ׳ לאשט ח"ו דיין טאכט גיבונדן 12). איך העט ליבר / ניזעהן עז וואר היא גיבליבן אונ׳ דז ער אים / העט גט זמן 13) גילאשן, עז האט ניט גיוועלט; אזו גרושי 14) אהבה האט עז צו אים וואז אים אידרמן / האט גיזאגט לאז ניט דיין גרעט נעמן, שרייא / אונ׳ וויין, דא האט עז גיענטוורט: איך וויל אים / אלז לאשן נעמן, ווען אים גוט ית׳ ווערט העלפן / זא ווערט ער אים

---

6) און — אָן.
7) טרחא — אַ זיידן קלייד. דער נאָמען איז אומבעקאַנט.
8) קנין — בשעת די תנאים.
9) נרהייט — נאַרישקייט.
10) בילז — ביילעס.
11) רובי — ריבית — פּראָצענט.
12) טכאט גיבודנדן — דיין טאכטער אן עגונה.
13) גט זיין — גט על תנאי.
14) גרושי — גרויסע.



אנדרש מכן. אונ׳ דרום האט / אים נימנט ניט קינן העלפן. דרום מיין ליבר זון, / נים דיר נישט צו הערצן. דו קנשט עז דאך ניט / ביזארגן 15). מה דעביד רחמנ׳ לטב עביד, והטוב / בעיניו יעשה. דיין בילא האט איין היפשי הנט / שת׳ גאר היפשי ערבט מכט עז מיט זילבר אונ׳ / מיט גאלד. ווען דיין ווייב וויל האט צו ערבטן / דז זי עז לאשט העלפן, עז איז איין נאמנת של 16) / אונ׳ ערבט גערן אבר עז האט ניט ויל לושט צו / לערן גיהט. בכן אין להאריך רק חיים ושלו׳ / לכם יאריך כ"ח וכ"ח אמך רחל הכותבת בנחיצה. /, נכתב כ"ט לירח האיתנים 17), ימיך יאריכו / בנעימים. /

וועד צבילן 18) היא זא געב אים ר׳ דוד זיין טאכטר. / עז איז איין פיין מיידל. ער געב אים זיין הויז / אונ׳ אל זייני ספרי׳ אונ׳ זיין כלי בית אונ׳ היפשי / קליידר. ער וויל יא איין טייטשן האבן 19). דער גוצשלק 20) וויל פיל געלט האבן אונ׳ דוד גיבט ניט באר געלט. / שרייב אימז קען קונשטנופל 21) דז עז קומט אונ׳ / נימט איין הרשא׳ בון זיין ברודר מיט חכמים / גיחתמת אונ׳ מיט קיום ב"ד 22). ר׳ בנימין יצ"ו דער האט / זיין טאכטר אויז געבן איינם יונגן, איין יתום, / יצחק כהן איניקל, איין אונגר בון ט"ו שנם, ער / זאל מיט אים לערן. ער הלט אין בייא אים, ער הנז׳ / האט וואל ד׳ אלפים זיין, און ר׳ בנימין יצ"ו ציכט / דר נאך אין אונגרן קען אובן 23) שטאט. גוט׳ ית׳ דער / זאל אים מיט שלו׳ הין אונ׳ווידר הער העלפן / וכיר"א 24). כ"ח וכ"ח אמך רחל דער ל"ע זיר בנג איז. / ושא שלו׳ שני׳. איך זעך גערן דו קעמשט אונ׳ זעכשט / צו דיין ספרים, ח"ו טו איך איין אייג צו דא נעמן / זי אלז, לא יע׳ ולא יב׳ 26). אונ׳ מהר"ר דוד יצ"ו דער איזן / ל"ע אימרדר ניט ווריש 27). ער איז נון איין זקן של / שמונים. דו זאלשט אויך אזו אלט ווערן מיטן וויל גוטן זאמן 28) דירזא זאלן לעבן צו תורה אונ׳ / צו מעשים טובים. איך זעך גערן דו נעמשט בון /

---

15) וואָס ג׳ טוט איז דאָס צו בעסטן (ברכות ס׳ ב׳).
16) של — שבח לאל (אַ דאַנק ג׳).
17) ירח האיתנים — חודש תשרי.
18) צבילן — צבי.
19) ער ווילל נאר אן אשכנזי.
26) גוצשלך — אַ נאָמען.
21) קונסטנטינופּול.
22) ב"ד — ביך דין.
23) אובן — אויך בעקאַנט אַלס אָפען, יעצט אַ טייל פון בודאַפּעסט, די הויפּט שטאָדט פון אונגאַרן.
24) וכיר"א — וכן יהי רצון אמן.
25) זע׳ נא, 5 אויבן.
26) לא יעלה ולא יבוא — דאָס וועט ניט פאָרקומען.
27) ווריש — פריש.
28) זאמן — קינדער.

אים דער קינדר יצ"ל אירן פקדון. איך האב דיר / וועלן שיקן די לייכטר אונ' דיין עמפיל, נימנט / האט עז וועלן ווירן 29). איז ת"ו דז איין שנוי ל"ע / אויז קומט. לא יעל' ולא יבא, זא קום הער מיט / דיינן קינדרן יצ"ו. עז איז ת"ל אלז בזול חיא. איך / האב איין חצי קנטר ווייץ אויף דיר גימכט. אונ' / שרייב מיר יא אימרדר ענקרן גיזונט. אלי שפריך / וורטר וועלין ניט אויז דען אויגן אויז דען הערצן / אבר די גיוויט מוטר טוט ניט אזו. איר בור גישט / ניט די וויא טאג די זי האט גיהט מיט אירן קינד. / איך העט גערן דיין קינר עטווז גישיקט, איך האב / בעו' נישט. דער גוצשלק איז קומן בון ווניזיא 30) ער / האט מיר ניט גיברכט איין שווה פרוט' בעו"ת. / מיין בעל חוב זיצט איין גישלאסן אין זיין הויז. ליבר / שרייב מיר וואז דו האשט גיהערט בון דען קינדרן / יצ"ו ויא עז אין גיט.

[אויפן זייט :] בריינלן קורקז לאשט דיך זיר גריסן אונ' ביט דיך אכט דען בריב מאיר זיין.

[א דרעססע :] מע"ה ירושלי' תוב"ב לק"ק מצרים ליד אהו' בני משה יצ"ו ב"ר אליעזר זוסמן ז"ל חמכונ' אשכנזי וח"ל 31).

---

29) ווירן — פיהרן.
30) ווניזיא — ווענעדיג.
31) וח"ל — וחרם לזרים. דאָס איז אַ רמז אויפן חרם פון רבינו גרשם מאור הגולה אויף די וואָס לעזן פרעמדע בריוו.

## רעזשיסאָר יעקב ראָטבאום קומט קיין לאָנדאָן

דער באַקאַנטער טעאַטער־רעזשיסאָר און קולטור־טוער יעקב ראָטבאום, וועט אין חודש יאַנואַר קומען קיין לאָנדאָן אויף זיין דורכרייזע קיין פּאַריז, פּוילן און סאָוויעט־רוסלאַנד.

ראָטבאום האָט הינטער זיך אַ פּרוכטבאַרע פאַרגאַנגענהייט אַלס רעזשיסאָר ביי דער „ווילנער טרופּע" אין פּוילן, שפּעטער אין פּאַריזער „פּיאַט" און אין די מלחמה־יאָרן האָט ער אָנגעפירט מיט דעם „אופּט"־טעאַטער אין בוענאָס־איירעס, און מיט דער „פאָלקס־בינע" אין ניו־יאָרק.

ראָטבאום וועט אין לאָנדאָנער „ניי־יידיש־טעאַטער" רעזשיסירן איניקע פון זיינע פּיעסן און וועט אויך אויפטרעטן מיט רעפעראַטן אויף יידישע קולטור און טעאַטער־טעמעס.

דאָס יידישע לאָנדאָן באַגריסט ראָטבאומען מיט אַ האַרציקן „סקאַצל־קום".



## 70 יאָר יידיש טעאַטער

(אַ רעדע ביי דער פייערונג אין „ניי יידיש טעאַטער")

מיר וואָלטן נישט קיין רעכט געהאַט צום הייגטיקן יום־טוב, ווען דאָס יידישע טעאַטער וואָלט נישט געווען די לעצטע פרייד פון די מענטשן אין די געטאָס צומאָל, און אפילו אין די קרעמאַטאָריום־לאַגערן — — און אין די פלאַמען פון יענע פייערן ווערט די יידישע בינע באַלויכטן מיט הימלישע ליכטיקייטן באַקומט דאָס יידישע טעאַטער די פייערלעכע צערעמאָניע פון אַן „עבודה": „וכך היה מונה" און אַזוי האָט שמחה פּאָסטל אויף די בינע־ברעטער דאָ געשפּילט די „באָבע יאַכנע", און אַזוי און אַזוי — — — — —

„אחת ואחת"! צי קאָן מען אויסציילן כאָטש די אַקטיאָרן בלויז, וועלכע פלעגן קומען צו אונז, און אונז דערפרייען מיט זייער טאַלאַנטירן שפּילן, וואָס זיינען אומגעקומען מיט אַלע אונזערע קדושים אינדערהיים אין אונזערע יידישע שטעטלעך.

און בכדי מיר אַלע דאָ, וואָס האָבן זיך פייערלעך פאַרזאַמלט צו פייערן דעם 70־טן געבוירן יאָר פון מאָדערנעם יידישן טאַטער, זאָלן זיין אַקטיוו מיטבאַטייליקטע אין דער פייערונג, טון וועלכע ס'איז נישט מעשה, עבודה, וועלן מיר זיך צערעמאָניאַל אויפשטעלן און שטיין בלייבן אַ רגע כאָטש אין הייליקן אָנדענקן — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און נישט ווייל אויפן קאָפּ פון אונזער שמחה מיר זאָלן טראָגן דאָס ביסעלע אַש פון אונזער זכרון זיינען מיר געשטאַנען שטיל — דעם לעצטן חסד די טויטע אָנצוטון!

מ'דערציילט פון רבי חיים סאַנדזער, אַז ווען ער פלעגט אַריינשטעקן די האַנט אינקעשענע מקיים צו זיין אַ גמילת־חסד, האָט ער די האַנט געהאַלטן עטלעכע רגע'ס אין טאַש, בכדי צו פאַרגעסן דאָס רחמנות אויפן ייד בשעת ער טוט אים די מצוה: בכדי די די מצוה זאָל קאָנען זיין אינגאַנצן לשמה! לשמה איז אפנים, נאָך מער ווי רחמנות. יאָ, דערפאַר זיינען מיר געשטאַנען אַצינד די רגע שטיל, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן אפילו אונזער טרויער אַצינד. — דעם גרעסטן טרויער: דעם רחמנות צו זיך אַליין שוין — — —

אָבער די שמחה של מצוה קאָנען מיר זיך נישט אַוועקנעמען. ווייל די זאַך גופא, די עבודה, די הייליקע טואונג, שטראַלט אַ רוים פון זיך די שמחה — די טרערן אין די אויגן צינדן זיך אָן און זיי זיינען די בריליאַנטן פאַרן „שטערן־טיכל", די פּערל שנורן אויפן האַלדז פון „די יידישע מאַמע".

דאָס יידישע טעאַטער איז די שאַפונג פונם יידישן גענטאָ, און ווען מיר פייערן דעם יובילעאום פונם יידישן טעאַטער פייערן מיר די שעפערישקייט פון יידישן גענטאָ. און ווען מיר דערמאָנען יעצט ביי דער פייערונג, אַ באַשטימטן דאַטום, 70 יאָר, הייסט עס אַז מיר פייערן דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער, די באַפרייטע יידישע מאַמע אויף דער יידישער בינע! אויב דער דאַטום 70 יאָר זאָל זיין אַ ריכטיקער פייערן מיר יעצט די יידישע שוישפּילערין אויף דער יידישער בינע.

דאָס יידישע טעאַטער האָט שוין אַ געשיכטע מער פון טויזנט יאָר. אין אַלע געטאָס, אין מיטל־אַלטער, אין איטאַליע, אין פראַנקרייך, האָלאַנד, דייטשלאַנד, געפינען מיר זיי די פריילעך אַרומפּאָרנדיקע פּורים שפּילער און קאַטאָוועס טרייבער — די רבנישע „שאלות ותשובות“־שרייבער ווערן גאָר נישט פערטיק מיט זיי, און ווער ווייס צו זיי אַליין, די מרוקעוואַטע מרה־שחורהדיקע שאלות ותשובות־שרייבער אַליין, האָבן נישט פריילעך אויפגעלאַכט, זעענדיק זיי שפּילן, ביים רייכן פרנס, פּורים צו דער סעודה, אָדער אויף אַ גבירישער חתונה מאַלצייט....

מיר ווייסן אפילו, אין דער יידישער געשיכטע, פון אַ כראָניק פונם יאָר 1286, אַז אין ענגלאַנד, דאָ ביי אונז, האָבן שוין געשפּילט יידישע שוישפּילער אויף אַ יידישער חתונה.

און אין 17־טן יאָר הונדערט איז אין אַמסטערדאַם אויפן פיש־מאַרק שוין געווען אַ יידיש טעאַטער. און אין אָנהויב פון די פערציקער יאָרן איז שוין אין וואַרשע געווען אַ טעגלעך יידיש טעאַטער. און באַלד דערנאָך אויך אין קראָקע און אין לעמבערג.

ביז צום יאָר 1876 זיינען דאָס פּאָקוס מאַכער און קאַטאָוועס טרייבער אַ קייגן וועלכע די רבנים האָבן געדונערט מיט זייער „מושב לצים“; זיינען דאָס געווען ישיבה בחורים וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר אַ „ושתי המלכה“ און האָבן נעבעך עובר געווען אויפן לאו פון „לא ילבש גבר שמלת אישה“... און עפּעס ווי דער שטן וואָלט זיי אָנגערעדט האָבן זיי געשפּילט יוסף הצדיק אויך פאַרשטעלט פאַר אַ מיידל!... און איז דען נישט דער שטן דער גרויסער רעזשיסאָר, — כ׳גלויב אַז י. ל. פּרץ מאַכט, ערגעץ אין אַ ליד, דעם דאָזיקן מעטאַפער־פאַרגלייך,—און דאָס איז טאַקע געווען אַ קונציקער רעזשיסערישער איינפאַל (און שפּילט דען נישט מהאי טעמא „די באָבע יאַכנע“ אַ מאַן?), אָדער איז עס גאָר געווען אַ סעקס־אַפּיל פון דער קאַסע?... אויב די ראש־ישיבות האָבן דאָס דורות לאַנג צוגעלאָזן, איז עס געווען, ווייל אַ שטיק פון זייער חיונה האָבן די בחורים געצויגן פון אָט די פּורים־שפּילן אין די געטאָס.

יאָ, דאָס יידישע טעאַטער איז די שאַפונג פון דער יידישער געטאָ און דער האַראַפּאַשנער ייד האָט באַצאָלט דערפאַר, בכדי מען זאָל אים דאָס הארץ דערפרייען — און וואָסער געוואַלטיקע שאַפונג האָט עס געמוזט זיין און ווערן, אַז מ׳זאָל דאָס טרויעריקע און מרה־שחורהדיקע הארץ פון די יידן אין געטאָ קאָנען דערפרייען און באַפרייען — — —

און פון יענעם וויין־קעלער אין יאַסי איז אברהם גאָלדפאַדן אַרויס מיט זיינע משוררים און שוישפּילער געזעלן, מיט זיינע נייטאָרינס און קעכינס, ווי אַ באַקכוס מיט זיינע סאַטירן פאַרשכורט מיט יידישע מעלאָדיעס און פאָלקס לידער, מיט יידישע טענץ און האָפּקעס, מיט יידישער תנועה און הועיה — מיטן יידישן שם הוי׳ אויפן פּנים!

מיטן יידישן מאָדערנעם טעאַטער איז דאָס יידישע מאַמע לשון נישט נאָר געוואָרן ליטעראַטור, נאָר „די יידישע מאַמע“ איז געוואָרן לעבעדיק לעבהאַפטיק; פלייש פון אונזער פלייש בלוט פון אונזער בלוט!

און איז דען ניט דאָס יידישע מאַמע לשון, דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור געווען דער אָנהויב פון דער באַפרייאונג פון דער יידישער פרוי? אָבער מיטן מאָדערנעם יידישן טעאַטער איז זי ערשט געוואָרן „לייטן־גלייך“!

און נאָר אַזאַ דיכטער ווי אברהם גאָלדפאַדן, — וואָס האָט געקאָנט אָנפילן די מאָדערנע אייראָפּעאישע טעאַטער פאָרעם מיט יידישן אינהאַלט, מיט יידישן מהות און לבוש, אויפנעמענדיק אין זיך אַלע מיני אייראָפּעאישע מיטלען און זיי אַסימלירן אין זיך מיט יידישער גייסטיקייט און האַראַפּאַשנעם ראַזמאַך און כוח גברא, — האָט געקענט ווערן דער טאַטע פונם יידישן טעאַטער.

זיין „כשוף־מאַכערין“ איז נישט די סענטימענטאַלע ראָמאַנטישע „העקסע“ פון גערמאַנישן קינדער־„מערכיען“, דאָס גענאַרישע מעשה׳לע פול מיט געניסערישן סאַדיזם, גאָלדפאַדנס „באָבע יאַכנע“ איז אַן אָניאָגנדיקער שטורם ווינד, אַ וויוגע וואָס דרייט זיך ווי אַ שפּילנדיקע קאַרוסעלע מיט יאָגנדיקע פערד און פערדלעך אין דער לופט — זי שפּילט מיט דער וועלט ווי זי וויל, זי צוימט די האָלצערנע פערדלעך ווי זי וויל, ווי ס׳טויג איר צום עסק. גאָלדפאַדנס כישוף־מאַכערין איז שבלדיק, אויסגערעכנט יידישלעך און זי באַקומט איר אויסגערעכנטע שטראָף, ווי אין פּסוק שטייט: אין פייער ווערט זי פאַרברענט!

יאָ, גאָלדפאַדן באָרגט זיך אויס דעם טאָפּ צו קאָכן זיין כישוף! מאַיז אָרים אין געטאָ און מ׳באָרגט זיך דאָס טעפּל פון שכן, אָבער ווי כשרט ער עס פריער אויס, מיט וואָסער גלי־שטיינער, וואָסער כשר־געקעכץ קאָכט ער דערין: דעם אייביקן שכר ועונש אונזערן.

און אויב אין שולמית געברויכט גאָלדפאַדן דאָס שעקספּיר מיטל פון „זכה בגורל“; אָבער וועלכער קאָמפּלאָט קומט דערפון אַרויס, נישט קיין „דראַמאַטישער“ נאָר אַ שעפעריש דיכטערישער: ווי ווערט דאָס פאַרוואַנדלט שעקספּירס בלאָנדער דייטש אין דעם רויטן נתן הכהן! און איז דען נישט „צינגעצאַנג“ די פערוואַנדלונגען פון שעקשפּירס „מאָר“, מיט „לאַנצעלאָט“ צוזאַם און וועגט נישט איבער דער איינער „צינגעצאַנק“ פון „שולמית“, יענעביידע אין קאָמעדיאַנטישער באַוועגלעכקייט?

און נישט נאָר די פרוי ווערט באַפרייט אין גאָלדפאַדנס דראַמעס, שפּילט נישט מיט יעדער בעל חי און אפילו דומם — איז נישט די קאַץ און דער ברונים דער מיטלפּונקט פונם גאַנצן שטיק?

און נישט נאָר איז אין דער האַנדלונג, אינם שפּיל דאָ די פערוואַנדלונג, ווי אַ גרויסער דיכטער ווערט דער פערז ביי אים שוין פערוואַנדלט, שפּילט דאָס וואָרט שוין טעאַטער, עס פאַרשטעלט זיך:

„אונטער יענקעלעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע,

וואָס וועט עס האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען".

און ווי יידישלעך און ווי קונציק פאַרשטעלט זיך דאָס „יענקעלעס ציגעלע" אין אַ סוחר וואָס האַנדלט און וואַנדלט, וואָס
„תורה איז די בעסטע סחורה".

אָ, „דאָס גאָלדענע ציגעלע אונטער יעקב'ס וויגעלע", שטייט עס נישט אַ פאַרפלאָנטערטס אין גרויסע ציטערנישן מיט זיינע גאָלדענע הערנעלעך, ווי יענער שעפּס אונטער הר המוריה פאַרפלאָנטערטער מיט זיינע הערנער? און איז נישט יענער פאַרטייעטער שעפּס, — יענער פאַרוואַנדלטער פאַר יצחקן! — געוואָרן דער סימבאָל פאַרן יידישן צערעמאָניאַל? די פאַרטוישונג, די פאַרוואַנדלונג — — —

יאָ, אברהם גאָלדפאַדן, דער זשיטאָמירער סימענאַריסט, דער ראַבינער־קאַנדידאַט איז געוואָרן דער גרעסטער רעפאָרמער פון דער יידישער צערע־מאָניע! באמת אין יידישן טעאַטער איז דאָ מער סינאַגאָגע אין יידישע טראַ־דיציע, יידישע ליטורגיע, רעליגיעזע שטימונג און תפילה־געזאַנג ווי אין אַ סך סינאַגאָגעס.

און נישט נאָר „מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא עלינו לטובה" — אין אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר זיצן צענדליקער טויזנטער יידן אין די טעאַ־טערס אין פילן יידישן אָטעם און הערן יידישע מעלאָדיעס און זופּן זיך אָן מיט יידישלעכקייט און יידישע גייסטיקייט.

דאָס יידישע טעאַטער איז דאָס שאַפן פון יידישן געטאָ. — פון ישיבה בחור און פונם יידישן שוסטער־און שניידער־געזעלן! — און עס אַז די פרייד פונם געטאָ־ייד — פון עמך! אַזוי איז עס געווען ביי זיין ענטשטיין, ביי זיין באַשאַפונג און אַזוי איז עס ביז צום היינטיקן טאָג. און יעצט נאָך דעם גרויסן נסיון וואָס דאָס יידישע געטאָ האָט אַדורכגעמאַכט, האַלט דאָס טעאַטער אונז צוזאַם, ווי נאָר מיר זענען, — אין אַמעריקע, אין ארץ ישראל, אין רוס־לאַנד און אין יעטווידן מינדסטן ישוב וואו מיר געפינען זיך, — ווי יענע גרויסע עבודה צערעמאָניאַל! עס איז דאָס פאָלק, — עמך! — וואָס בלייבט געטריי, וואָס גלויבט, וואָס דינט עבודה לשמה, וואָס איז זיך מקריב ווי יצחק אויף דער עקדה.

און היינט אין אונזער גרויסן בראָך, — ווען קיין מלאך האָט זיך נישט באַוויזן און אויסגעשריגן: „אַל תשלח ידך אל הנער"! — זאָל דאָך אונז כאָטש בלייבן דאָס פּיצעלע גלויבן, אַז דאָס גאָלדענע פאַרוואַנדלטע ציגעלע אונטער יעקב'ס וויגעלע וועט אונז בלייבן לעבן. עס איז דאָך די שמחה פונם געטאָ, פונם געטאָ־שאַפן, זאָל דאָך די שמחה של מצוה, דאָס פּיצעלע גלויבן אונז כאָטש איבעריק בלייבן. מיט אַזאַ פרייד איז דאָך אונז דערלויבט דאָ צו זיצן און צו געניסן די שאַפונג פונם געטאָ, זאָל דאָך אונז אויך דערלויבט זיין אויך דאָס ביסעלע גלויבן.

מיר וואָלטן נישט קיין רעכט געהאַט צום היינטיקן יום־טוב, ווען דאָס



יידישע טעאַטער וואָלט נישט געווען די לעצטע פרייד פון די מענטשן אין די געטאָס צומאָל, און אפילו אין די קרעמאַטאָריום'ס — — — זאָל דאָך דער גלויבן אונז איבעריק בלייבן אַז דער בראַנד־אָפּער פון די טויזנטער שטעט און שטעטלעך אונזערע, אויפגעגאַנגען אין פייער און אין רויך, וועלן אָנגע־נומען ווערן — — — אויפגענומען ווערן ווייניקסטנס פון אונזערע הערצער. זיי טראָגן ליכטיק אונזער זכרון צו באַלייכטן די וועלט מיט נייע געהייליקטער „עבודה".

אויב זייער טויט איז געווען אומזיסט אויב שונאים האָבן זיי פאַרטיליקט אומזיסט, זאָל דאָך זייער לעבן, זייער אומשטערבלעכע לעבנס־אַרבעט נישט געוועזן זיין בחינם — — — זאָל מיר דאָך טראָגן אין אונזערע הערצער ווי אונטער גליענדיקן אַש...! אַז דאָס ליכט זייערס וואָס זיי האָבן געטראָגן אין דער פינסטערער וועלט מיט זייער תמימות, מיט זייער גלויבן מיט זייער שאַפונגס בויען זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן און זאָל אייביק לייכטן אין די הערצער פון די מענטשן.
ש.

## אַ טעאַטער דעלעגאַציע קיין אַמעריקע

דאָס „ניי יידיש טעאַטער" ביים פאָלקס־הויז אין לאָנדאָן, שיקט אַרויס אין די נאָענטסטע טעג אַ דעלעגאַציע קיין אַמעריקע, כדי דאָרט אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט די טעאַטער און קולטור קרייזן אין שייכות מיטן בויען פון אַ נייעם טעאַטער צוזאַמען מיט אַ פאָלקס־הויז אין ווייטשעפּעל.

מר. נ. ביטלער דער ראש פון פאָלקס־הויז, האָט זיך צום ציל געזעצט צו דערהויבן דעם מצב פון יידישן אַקטיאָר און טעאַטער און אויסצובויען אַ היים פאַר דעם יידישן קולטורעלן לעבן אין ווייטשעפּל. קנאַפּע פיר יאָר באַשטייט שוין דער טעאַטער און דער מאַטעריעלער מצב פון די אַקטיאָרן איז געזיכערט. די קולטורעלע אַרבעט פון טעאַטער איז אַ שוואַכערע, דורך מאַנגל פון אַגוטן רעזשיסאָר און פּיעסן. פונדעסטוועגן האָט דאָס טעאַטער אַרויסגעבראַנגט אַ ריי פון שיינע אויפפירונגען ווי „די דריי מתנות", „שווער צו זיין אַ ייד" וכדומה. מר. ביטלערס פאַרדינסט איז, וואָס די יידישע שפּראַך איז אָרעקענט געוואָרן פון דעם „אַרטס קאונסיל אין גרויס בריטאַניע" און וואָס דאָס טעאַטער איז באַפרייט געוואָרן פון יעדן אָפּצאָל און דאָס וועט געבן להבא די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען בעסערע אויפפירונגען.

מר. ביטלער ווערט באַגלייט פון א. מייזעלס דער אָנפירער פון טעאַטער. מייזעלס איז אין די יידישע טעאַטער קרייזן גוט באַקאַנט אַלס לאַנגיאָריקער אָנפירער פון יידישן טעאַטער אין ווין און אויך אַלס מחבר פון פּיעסן. מייזעלס איז געקומען קיין לאָנדאָן אַלס אַ פּליט, ער האָט דאָ אויפגעפירט אַ ריי פון זיינע פּיעסן. באַזונדערס האָט ער געהאַט אַ דערפאָלג מיט דער דראַמאַטיזאַציע פון י. ל. פרץ „דריי מתנות" און מיט דער איבערזעצונג פון „סוחר פון וועניעדיק".

אַלס ערן־סעקרעטאַר פאָרט מיט מיס מיקי וועב.

# די באקאנטע שוישפילער וויסליץ און פאטאשינסקי *

אויף דער שיף „מאנקעי“, פארנדיק אויפן אינדישן אקעאן — ריכטונג סינגאפור, מאנטיק, דעם 2טן דעצעמבער, 1946

חשובער פריינט שטענצל,

מיר מיינען אז איר דערמאנט זיך ווער מיר זיינען: 1937, האבן מיר זיך באגעגנט אין לאנדאן, זייט דאמאלסט האבן מיר איבערגעלעבט דאס מוראדיקסטע קאפיטל אין אונזער יידישער געשיכטע. דאמאלסט האט מען אונז געברענט און געריסן, מיט די ווארצלען; חרוב געווארן יידיש־פוילן. נאר אפשר דערפאר, ווייל מיר זיינען צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, וועט מען אונז נישט פארטיליקן.

מיר ביידע האבן די זכיה געהאט צו זיין אין אשוויענטשים. בדרך טויזנטער נסים זיך געראטעוועט. געבליבן ביי דעם אמת, אז ווער סלייקנט אינם ווערט פונם געליטערטן, יידישןווארט, איז א כופר בעיקר. דאס איז דער „מודה אני“ און „אני מאמין“ וואס רודערט אין אונזערע הערצער.

אפילו „דארט“ האט מען מיט יידיש ווארט און ליד אין אנבליק פון תליות און גאז־קאמערן מחיה מתים געווען, פארפייניקטע יידישע טאטעס און מאמעס, געשמיסענע זין און טעכטער.

זייט מיר זענען צוריקגעקומען, ווען מיר לייענען אייער לשון און לעבן, פארשאפט איר אונז גרוים נחת.

וועגן אונזער „ווארט און ליד קאנצערטן“ אין בעלגיע, האלאנד און פאריז האט איר מסתמא געלייענט אין דער יידישער פרעסע מיר פארן איצט אין אויסטראליע. שוין דעם 14־טן טאג אויף דער שיף. דורכגעפארן ימים, פון מארסייל ביז עגיפטן צום פארט סאיד. דערנאך איבערן סועץ־קאנאל צום רויטן ים. איצטער ראנגלט זיך די שיף מיטן אינדישן אקעאן.

ליגנדיק אויפן דעק פון שיף, הינטערן העל־בלויען הימל, איבער די רוישיקע כוואליעס פונם צעשטורמטן אינדישן אקעאן, וואו די צעשטראלטע זון שפילט זיך מיט א פריינטלעך ווינטל, איבער אונזערע געפאטשטע יידישע פנימער, האבן מיר אין זינען ווייטער צענויפצונעמען אין זכרון פונקען פונם יידישן ווארט און ליד און קומען דערמיט איבער גארער וועלט וואו יידן געפינען זיך.

ס'פארן איצט מיט אונז אן ערך 250 יידישע פאסאזשירן פון אלע עקן אייראפע געראטעוועטע יידן, פרויען, מענער און קינדער פון געטאס, בונקערס און קאנצענטראציע לאגערן, כמו אשוויענטשים. דערציילן זיך איינע די אנדערע נסים פון ווידערשטאנד און אויפסדויער.

---

* אפנים, דער ישוב ענגלאנד ציט נישט קיינעם צו — אפילו נישט אפגעטראטן, ביי אונז דא. דער עיקר, אז איר זייט געראטעוועט! **אונזערע** גרוסן אייך און א מזלדיקן וועג. —— ש.



כמעט ביי אלע דא הערט מען דעם געפרואווטן יידישן ניגון: „מיר וועלן לעבן אויפסניי“. גראד איצט ווילן מיר אייך בעטן: יעדעס מאל ווען ס'דערשיינט אייער „לשון און לעבן“, זאלט איר צו אונז שיקן אין ווייטן אויס־טראליע, אזוי ארום ווילן מיר זיך פארבינדן כמעט מיט א קליינעם טייל יידישע יידן פונם לאנדאנער ישוב.

גלויבנדיק אז איר וועט דערפילן אונזער בקשה דאנקען מיר אייך און פארבלייבן מיט די פריינטלעכסטע גרוסן,

אייערע,

מילא וויסליץ

משה פאטאשינסקי

# א לעבעדיקע צייטונג אין יידישן קולטור־קלוב

זונטאג דעם 23 דעצעמבער איז אין אונזער לאקאל פארגעקומען א זער אינטערעסאנטע לעבעדיקע צייטונג.

אין דער אנוועזנהייט פון אן ערך 40 באזוכער עפענט דעם אוונט דער פארזיצער פון דעם קלוב אלעק וואטערמאן, וועלכער איז אויך דער רעדאק־טאר פון דער לעבעדיקער צייטונג. אין א קורצער רעדע ווייזט דער פריינט וואטערמאן אן די נויטווענדיקייט פון א לעבעדיקער צייטונג אין יעצטיקן מאמענט, ווען כמעט אלע צייטונגען זענען „גלייכגעשאלטעט“, פארטייאיש, און עס איז זער שווער צו געפינען אין די צייטונגען אן אמתע און קלארע אפהאנדלונג איבער די לאגע אין וועלכער מיר געפינען זיך. אין אזא צייט קען און דארף די לעבעדיקע צייטונג וואס מיר האבן היינט איינגעארדנט און וואס מיר וועלן פון היינט אן איינארדענען מער אפט וועט זיין א זער גרויסער בייטשטייער...

נאכדעם טרעט דער רעדנער באלד צו צום טאג־ארדענונג און אלס רע־דאקטאר לעזט ער פאר זיין לייט ארטיקל.

דער פריינט משה קויפמאן פאלגט מיט כראניק פון לעצטן יאר. עס נעמען אויך אנטייל אונזער לאנדאנער דיכטער שטענצל און דער פאעט פאלמע. ג. פראפער לעזט א קריטיק איבער אסתר קרייטמאנס בוך דבורה וואס איז לעצטנס ארויס אין דער ענגלישער שפראך, ליידער צוליב דעם וואס סאיז גע־שריבן אין ענגליש און דער מאנגעל אין צייט עס איבערצוזעצן אין יידיש, וועט עס נישט קענען דערשיינען אין יעצטיקן נומער „לשון און לעבן“). די אנוועזענדע זענען שטארק גערירט ביי דעם ארטיקל פון פריינד ברענער, וועל־כער איז לעצטנס געווען אין פאריז און באזוכט די קינדער היימען פון דער אוניאן. עס פאלגן זער אינטערעסאנטע הומארעסקעס ביי פרוי וואסערמאן, פרוי קייטי בראון און א חנוכה הומארעסקע פון פריינט קאץ.

מ. ש.

## גרוסן פון יידישע קעמפער אין האַלב באַפרייטער אייראָפּע

אין „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין“ קלוב, פּיקאַדיללי, רעדן יידישע צייטונגען און יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. די לענדער וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון היטלער־הערשאַפט און היטלערס גאַז קאַמערן (אָבער נישט אינגאַנצן פון היטלעריסטישן גייסט!), האָבן ביי זיך רעשטלעך פון שרייענדיקע, פּראָטעסטירנדיקע און קעמפערישע יידן — יידן וואָס ווילן רעכט צום לעבן ווי אַלע באַפרייטע מענטשן.

קוקט מען זיך צו צו די צייטונגען און זשורנאַלן פון די רעשטלעך יידן אין פּוילן, פראַנקרייך, בעלגיע; צו די צייטונגען פון בערגן־בעלזן און אַנדערע קעמפּס אין דייטשלאַנד, ווערט אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן. די רעשטלעך טויזנטער יידן דערמאָנען אונדז אין אונדזער אויסגעמאָרדעטן יידישן פאָלק אין אייראָפּע — אין אונדזער גרויסן אומגליק!

אָבער, ניין, די רעשטלעך יידן ווילן נישט און וועלן נישט אויפגעבן; זיי שפּרודלען מיט מוט און מיט לעבן. דאָס קען מען אַראָפּ לייענען פון יעדעס בלעטל און פון יעדער שורה. און וועגן דעם טאַקע האָבן גערעדט ד״ר א. שטיינבערג און ד״ר נ. באַרו, בשעת זיי האָבן דאָנערשטיק, דעם 5־טן דעצעמבער געעפנט די „יידישע פּרעסע אויסשטעלונג פון די באַפרייטע לענדער“ אין „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין קלאַב“. (די אויסשטעלונג איז אָרגאַניזירט, בשותפות פון יידישן ליט. פאַריין, יידישן וועלט־קאָנגרעס און אַנגלאָ־פּאַלעסטיין קלוב.)

ביז אַ 200 מענטשן, אַ מערהייט אַרבעטס־מענטשן און יידישע פאָלקס־מענטשן (אַן עלעמענט וואָס מען זעט זעלטן ביי די אַנגלאָ־יידן), האָבן זיך צוגעהערט ווי ד״ר שטיינבערג אין נאָמען פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין (דווקא אין ענגליש, אפשר צוליב דער אַריסטאָקראַטישער ליידי רעדינג וואָס האָט געפירט דעם פאָרזיץ?), האָט געשילדערט וויאַזוי די רעשטלעך זענען דורכגעגאַנגען פייער און גאַז־גהינום׳ס און טראָגן איצט אַ מין פאַראַנטוואָרטלעכקייט־געפיל „ווייל זיי זענען לעבן געבליבן נישט אַלס יחידים, אָדער רעשטלעך פון יידישן פאָלק, נאָר ווייל געטליכקייט, די השגחה האָט זיי אָפּגעהיטן זיי זאָלן בלייבן רעשטלעך פון פאָלק“.

ד״ר באַרו וואָס רעדט דווקא יידיש (און ווערט פאַרשטאַנען און אַפּלאָדירט פון עולם!), ברענגט אַרויס דעם אָפּטימיזם וואָס עס הערשט ביי די רעשטלעך, 1 און האַלבן מיליאָן יידן אין אייראָפּעאישע לענדער, און גיט צו: „מיר דאַרפן זיך לערנען ביי זיי; אפילו די אַמעריקאַנער יידן דאַרפן זיך לערנען ביי זיי אָפּטימיזם“.

דער זשורנאַליסט דאַרפזאָן בעט אַ וואָרט און דערגענצט מיט אינפאָרמאַציע וועגן יידישע צייטונגען מיט לאַטיינישע שריפט (צוליבן אויספעלן



פון יידישן זאַץ), און וועגן יידישע טעאַטער פאָרשטעלונגען אין בערגן־בעלזן.

דער זשורנאַליסט גאָלדענבערג (באַווייזט דאָס ער קען אויך נעמען אַ וואָרט אין ענגליש!) באַקלאָגט זיך אויף דער יידישער פּאַרטייען און ריכטונגען צעשפּליטערונג ביי די רעשטלעך פון אונדזער געראַטעוועט פאָלק; און דער שרייבער ליסקי שטעלט אַ פראַגע צו ד״ר באַרו (וואָס פאַרטרעט דעם „יידישן וועלט־קאָנגרעס“), פאַרוואָס דער „וועלט־קאָנגרעס“ טוט גאָרנישט וועגן יידישער קולטור אין ענגלאַנד.

אין אַלגעמיין, אַזאַ אָוונט פון דער יידישער פּרעסע אין אייראָפּע, און אַ פריערדיקער וועגן „צוקונפט פון יידיש“ (אַגב שלעכט אָרגאַניזירט און כאַאָטיש דורכגעפירט!), ברענגט אַריין אַ ביסל לעבן צוויש די פאַרענגלישטע יידן. זיי דאַרפן פאָרקומען וואָס אָפטער.

א.מ.א.

## זעקס חדשים „ייוואָ“ אַרבעט

(אַ באַריכט)

**אָנהויב יאַנואַר** 1947 ווערט זעקס מאָנאַטן זינט דער קאָמיטעט האָט זיך פאָרמירט און איז צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער אַרבייט פון אויפבויען אַ „ייוואָ“ אָפּטייל ביי אונדז אין ענגלאַנד. כאָטש די גרינדונגס פאַרזאַמלונג פאַר שאַפן אַ אָפּטיילונג פון דעם „יידישן וויסענשאַפטליכן אינסטיטוט“ („ייוואָ“) איז פאָרגעקומען ענדע מאַי 1946 איז אָבער דער קאָמיטעט צוגעטראָטן צו דער אַרבייט — איבער פאַרשידענע אורזאַכן — מיט אַ מאָנאַט שפּעטער, ווען אין אָנהויב יולי איז געעפנט געוואָרן אַ קאָנטאָ אין אַ לאָקאַלן באַנק. די אַרבייט איז אָנגעגאַנגען לויט אַ פּלאַן, וועלכער קען איינגעטיילט ווערן אין דריי טיילען: 1) זאַמלונג פון מאַטעריאַלן פאַר דעם אַרכיוו און „מוזיי“ ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק; 2) פאַרשפּרייטן די נייע אויפגאַבן פון „ייוואָ“ אין אַמעריקאַ. 3) שאַפן מיטגלידער פאַר דער אָפּטיילונג צווישן די יעניגע, וואָס האָבן אַ באַגריף וועגן דער אַרבייט פון דער „ייוואָ“ און סימפּאַטיזירן מיט איר.

1) אויף דער געביט פון זאַמלונגן, מיט וועלכע איינצעלנע מיטגלידער פון דער קאָמיטעט ווי אויך אינדיווידועלע פריינט פון „ייוואָ“, לויט זייך איניציאַטיוו, האָבן זיך פאַר דער צייט פאַרנומען, איז פאַרהעלטניסמעסיק אויפגעטון געוואָרן מער, ווי ערוואַרטעט. פּעריאָדישע צייטשריפטן, ביכער און דאָקומענטן אין אַלע 3 שפּראַכן (יידיש, ענגליש און העברעאיש) זיינען רעגעלמעסיק אָפּגעשיקט געוואָרן נאָך אַמעריקאַ, וואו זיי וועלן באַרייכערן די צענטראַלע ביבליאָטעק מיט מאַטעריאַל וועגן יידישן לעבן אין ענגלאַנד פאַר דעם נוצן פון כלל און ספּעציעל פאַר די אַספּיראַנטן, וועלכע שטודירן אויף די וויסנשאַפטליכע קורסן פון „ייוואָ“. דער לעצטער נומער פון „ידיעות“, וואָס ווערט יעצט צוגעשיקט צו די מיטגלידער פון דער אָפּטיילונג, ענטהאַלט אַ צעטל פון נעמען, וועלכע האָבן גענומען אַנטייל אין די זאַמלונגען, פון וועלכן עס איז צו זען,

אַז די אַרבייט פון דעם קאָמיטעט האָט געדינט אַלס אַ ביישפּיל פאַר פילע אַנ־דערע (שרייבער, כלל־טוער און א. וו.), וועלכע זיינען נישט אין קאָמיטעט און אַפילו נישט צווישן די מיטגלידער...

2) די פאַרשפּרייטונג פון די נייע וויסנשאַפטליכע אויסגאַבן פון דער „ייווא" איז געווען אַ באַדייטענדער ערפאָלג. פון יעדער נייע אויסגאַבע זיינען פאַר־קויפט געוואָרן צו 15-10 עקזאַמפּלאַרן און פון מאַנכע ביכער (ווײַנרייכ׳ס היט־לער פּראָפעסאָרן, „די קלאַסיפיקאַציע פון יידישער עמענדיציע" און אַנדערע) צו 25-20.

די ביכער זיינען פאַרקויפט געוואָרן נישט נאָר צווישן זאַמלער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָדער אַרבייטער אינטעליגענץ, וועלכע האָט אַ אינטערעס אין דעם יידישן וואָרט און לעכצט שוין לאַנג נאָך ביכער, וואָס באַהאַנדלן די פּראָ־בלעמען פון יידישן לעבן פון אַ ערנסטן, העכערן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך צווישן אַנשטאַלטן („האיאס", „יידישער קאָלעדזש" א.א.), וועלכע האָבן ביז יעצט ניט אָפּגענומען די וויסנשאַפטליכע אויפגאַבן פון דעם אינסטיטוט. דער קאָמיטעט פירט יעצט אונטערהאַנדלונגען מיט אַלגעמיין־ענגלישע ביבליאָטעקן אום צו פאַראינטערעסירן זיי אין די ענגליש־יידישע אויסגאַבן פון „ייווא" און האָפט, אַז פיל נוצליכעס וועט שפּעטער אויפגעטון ווערן אויף דעם נייעם פעלד פון פאַראינטערעסירן אַלגעמיין־קולטורעלע אַנשטאַלטן מיט דער ליטעראַטור פון „ייווא"...

3) אונדזער מיטגלידערשאַפט ציילט יעצט אַרום 42: דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט פיל, אָבער דאָס זיינען אַלע פול־באַצאָלטע מיטגלידער, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן זייער יערליכע ביישטייער, די מערהייט דעם מינימום פון £1-1-0 אַ יאָר און מאַנכע פיל מער. ווען מען נעמט אין אַנבעטראַכט, אַז פילע פון די, וואָס ווייזן אַרויס סימפּאַטיע פאַר דער „ייווא" קענען נישט אָדער ווילן נישט איינצאָלן אַפילו דעם מינימום ביישטייער, און אַז בכלל איז מען ביי אונדז דאָ נישט געוואוינט געוואָרן צו ביישטייערן עפּעס פאַר געניסן פון ליטעראַריש גע־זעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן, קען מען באַטראַכטן דאָס אָנשליסן זיך פון אויך דעם צאָל מיטגלידער פאַר צופרידנשטעלנד.

אָבער אַחוץ אָט דער פּראַקטישער אַרבייט צו גונסטן דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער „ייווא" טרעט צו די אָפּטיילונג אויך צו אַרבייטן, וועלכע וועלן זיין צום נוצן פון דעם יידישן ישוב דאָ ביי אונדז אין ענגלאַנד. אין דער ערשטער רייע האָבן מיר בדעה אַרויסגעבן אַ גרויסן זאַמל-בוך „יידן אין ענג־לאַנד", וועלכע זאָל אין אַ רייע אַרטיקלען, געשריבן דורך פאַך־מענער, געבן אַ פאָלשטענדיקע אָבשאַצונג פון יידישן לעבן און יידישע אַנשטאַלטן אין ענג־לאַנד פאַר די לעצטע 40-30 יאָר. די עדיטאָריעלע קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען אַריין די ה׳: דר. יוסף פעשלער, דר. קאַבלער, לעא קעניג, דר. א. שטיינ־בערג און דער פאָרזיצנדער, האָבן אויסגעאַרבייט אַ פאָלשטענדיקע פּראָגראַם פאַר דעם זאַמל־בוך. בריף זיינען צושיקט געוואָרן צו פילע פון די קומענדע מיטאַרבייטער; מאַנכע האָבן שוין גענומען אויף זיך באַשטימטע אַרבייטן און עטליכע זיינען שוין צוגעטראָטן צו באַאַרבייטן זייערע טעמאַס.



דער קאָמיטעט האָט זיך באַמיט צו עפענען אַ אייגן ביורא אין דער וועסט־ענד, אָבער דערווייל — צוליב מאַנגעל אין דירות און העכערע דירה געלט — אָן ערפאָלג. עס איז צו האָפן, אַז דאָס ביוראָ וועט דאָך אין גיכן געעפנט ווערן.

דער קאָמיטעט שטעלט זיך פאַר זיין נאָענטער אויפגאַבע דאָס שאַפן פון אַ „ייווא" ביבליאָטעק אין דער איסט־ענד. עס איז קוים נויטיק צו ערקלערן ווי גרויס איז די נויט פאַר אַזאַ ביבליאָטעק, וואו עס זאָלן זיך געפינען אַלע נייע אויסגאַבן, ביכער ווי אויך צייטשריפטן, פון דער גאָרער יידישער וועלט, וועל־כע האָבן אַ אינטערעס פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל זיך אויסלעבן אין אַ יידישער סביבה. עס איז אַ שווערע אויפגאַבע, וואָס וועט פאָדערן פיל כחות און מיטלען. זי וועט אפשר מוזן געמאַכט ווערן מיט דער מיטהילף פון אַנדערע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, אָבער זי וועט געמאַכט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל זיין אַ כבוד פאַר דער „ייווא" בכלל און אַ באַדייטענדער ביישטייער צום יידישן ישוב דאָ בפרט.

---

אין זיין בריף פון דעם 24־טן, געווענדעט צום פאָרזיצנדער, שרייבט פריינד מ. ווײַנריך, דער וויסנשאַפטליכער דירעקטאָר פון „ייווא" פאָלגענדעס: „אין לאָנדאָן געפינט זיך אַ גרעסערע גרופּע אַלטע פריינד פון „ייווא". לאָמיר האָפן אַז איצט נאָכדעם, ווי איר האָט גענומען די איניציאַטיוו, וועט די אַרבייט אַוועקגיין אויף אַ גוטן וועג". מיר ווייסן, אַז אין ענגלאַנד זיינען דאָ פיל גרעסע־רע מעגליכקייטן, ווי די וואָס זיינען שוין, אין דער קורצער צייט, דערגרייכט געוואָרן, אָבער פאַר אונדז איז קלאָר, אַז די „ייווא" אַרבייט איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גוטן וועג, וואָס וועט פירן צו גרעסערע ערפאָלגן אין דער נאָענטער צוקונפט.

פאַר דעם קאָמיטעט פון דער „ייווא" אין ענגלאַנד

פאָרזיצער: ש. גאָלדענבערג,

עהר. סעקרעטאַר: מ. סאַנדרס.

---

# „ליכט און לאַטקעס"

(אין אימפּאָזאַנטע חנוכה־פייערונג)

„פריינט פון יידיש לשון" האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגל איבער סטעמפאָרד־היל. דורך אַן אָפּמאַך פונם פאָרזיצער פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, פריינטט א. נ. שטענצל, מיט דער לייטונג פון דער „אָזע" סטעמפאָרד־היל איז געוואָרן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן אַ ליטעראַרישע חנוכה־פייערונג, זונטיק, דעם 22־טן דעצעמבער, 4 אַ זייגער נאָכמיטיק אינם לאָקאַל פון דער „אָזע".

די דאָזיקע פייערונג איז טאַקע פאָרגעקומען ווי געפּלאַנעוועט. און אפשר נאָך בעסער ווי געפּלאַנעוועט. ווער קען פאָראויסזען, ווי אַזוי אַ פאָראַנשטאַל־

טונג אין אַ נייעם באַצירק וועט זיך אַפּוויקלען ? עס איז צוזאַמענגעקומען אַן עולם פון אַן ערך פון הונדערט מענטשן, כן ירבו, צווישן זיי אַ סך יונגנטלעכע און קינדער.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. נ. שטענצל, וועלכער האָט גערעדט איבער דער באַדייטונג פון חנוכה, איבער דעם קאַמף פון די חשמונאים און איבער דאָס פייערן פון חנוכה אַמאָל אינדערהיים און איצטער דאָ. חנוכה־ליכט געצונדן און געזונגען דעם „מעוז צור ישועתי" האָט דער חזן פון דער רומענישער און ספרדישער שול פּילפּאָט סטריטס, רעוו. רייטער. דער באַקאַנטער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג האָט מיט גרויס טאַלאַנט געלעזן שלום עליכם'ס „חנוכה געלט", און דערמיט געהאָלפן אַריינצוברענגען דעם עולם אין אַן עכטער היימישער חנוכה־סביבה און חנוכה־שטימונג.

דער געשעפטס־פירערין פון דער „אָזע" קומט אויסצודריקן אַן אָנערקענונג פאַר דעם שיינעם טיי מיט די פרישגעבאַקענע לאַטקעס, וועלכע זענען געוואָרן סערווירט אין דער פויזע צווישן דעם ערשטן און צווייטן טייל פונם פּראָגראַם. ס'איז פאַרגעקומען אַ קליינע געלט־זאַמלונג. £7.10.0 פאַר פּליטים־קינדער אויפן קאָנטינענט און £1.10.0 אַלס צושטייער צו די אויסגאַבן פון דער פייערונג.

אינם צווייטן טייל האָבן זיך באַטייליקט אַלס רעדנער שלמה אויערבאַך און אליהו פּאַלושאַק. שלמה אויערבאַך האָט באַזונדערס גערעדט איבער די ליטעראַטור, וואָס איז ענטשטאַנען אין דער צייט פון די חשמונאים און אַרום די חשמונאים. דער באַקאַנטער כאַראַקטער־שוישפּילער שלמה קאָהען האָט אימפּראָוויזירט אַ פּאָר לוסטיקע מעשיות און עפּיזאָדן פון רבי'שן הויף און פונם לאָנדאָנער הומאָריסט א. מ. קייזער.

די פייערונג האָט אונטער גוטער פירונג שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. עס האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט פון דאָרטיקע מענטשן, וואָס ווילן האָבן יידיש־ליטעראַרישע זונטיק־נאָכמיטאָגס אַלס שטענדיקע איינריכטונג. לאָמיר האָפן, אַז די „אָזע" וועט געבן אָפּגעבן דעם זאַל דערפאַר. פאַרוואָס נישט ? אַזעלכע פאַראַנשטאַלטונגען ברענגען כבוד און באַפרידיקונג פאַר יעדער אינסטיטוציע.

דער קומענדיקער ליטעראַרישער זונטיק נאָכמיטיק וועט זיין אַ פּילזייטיקע און רייכע אברהם רייזען פייערונג. עס וועט פאָלגן אַ מיטיילונג אין דער „צייט".

א. ח. פ.



## אָ ברענער

# מיינע איינדרוקן פון די קינדער היימען אין פראַנקרייך

איך בין נישט קיין רעפּאָרטער פון קיין שום אָרגאַניזאַציע און קיינעם נישט שליח. איך בין געפאָרן נאָך פּאַריז, אויסצוגעפינען מיין פאַמיליע. ליידער האָב איך געטראָפן ליידיקע און פוסטע ווענט פון מיין אַמאָליקער גליקלעכער היים, פרוי און קינד איז קיין שפור נישט געבליבן. אַ פּאַרווייטיקטער האָב איך זיך געלאָזט פירן צו די קינדער היימען, כדי אַביסל צו שטילן מיין ווייטיק און צער פון דעם שרעקלעכן פאַרלוסט וואָס איך האָב געהאַט. און וועגן מיינע איינדרוקן וויל איך זיך מיט אייך טיילן

דורכמאַשירט די קינדער־היימען, וועלכע נעמען אַריין פופצן הונדערט קינדער, מוז איך זאָגן, אַז איך בין שטאַרק גערירט געוואָרן פון די מוטערלעכע פלעגונג און זאָרג פון אונזערע חברים פאַר דעם „קינדער־לאַנד". דאָס פאַרזאָרגן די קינדער מיט יעדע קלייניקייט כדי עס זאָל חלילה נישט דערפילן אַז עס פעלט זיי די טאַטע מאַמע. מיט איין וואָרט די זאָרג פאַר די קינדער פונם גאַנצן פּערסאָנאַל איז אַ אויסערגעוויינלעכע. און איצט אַ פּאָר ווערטער פון טאָג טעגלעכן לעבן פון די קינדער.

די „אוניאָן" פאַרוואַלטעט מיט זיבן קינדער־היימען, פון וועלכע איך האָב באַזוכט פיר: איינע אין אַנדרעסי וואו עס געפינט זיך 100 קינדער אין עלטער פון 8 ביז 14 יאָר. איך האָב באַזוכט יעדן צימער, וואו די קינדער שלאָפן, דאָס עס־צימער, די קיך, דאָס באָד צימער, דעם שפּיל־זאָל, ספּעציעלע שווים־באָד, די ביבליאָטעק, די פי־צוכט און דעם גאָרטן וואָס די קינדער באַאַרבעטן אַליין.

איך האָב גערעדט מיט פיל קינדער, מיידלעך און יינגלעך זייער מוט און זייער לעבעדיקייט און פיזישער געבוי זאָגט עדות, אַז עס פירט מיט זיי אַן אַ גוטע האַנט, אַ האַרציקע מוטערלעכע אַטמאָספערע און צאַפּלדיקע זאָרג פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די קינדער. די מעדיצינישע אויפזיכט און אַלץ צוזאַמען שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרעכטיק בילד פון אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און ווילן אָפּצווווישן און היילן דעם שרעקלעכן וואונד מיט וועלכן עס איז געטראָפן געוואָרן דאָס יידישע קינד דורך די נאַצישע רוצחים.

דאָס זעלבע און די זעלבע איינדרוקן האָבן אויף מיר געמאַכט די אַנדערע דריי קינדער־היימען — איינע אין ראַנסי, קינדער אין עלטער פון 4 ביז 6 יאָר און די אַנדערע צוויי אין מאַנטרוי פון 8 ביז 16 יאָר. די זעלבע איינריכטונג און די זעלבע אַטמאָספערע. נאָך דעם באַזוך ביי די קינדער האָב איך זייער פיל נאָכגעטראַכט און געפרעגט זיך אַליין, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז מיר דאָ אין לאָנדאָן וואו מען באַציט זיך מיט אַזוי פיל זאָרג צו אייגענע קינדער זאָלן אַזוי ווייניק וויסן וועגן די, וועלכע נויטיקן זיך אַזוי

פיל אין אונזער אויפמערקזאַמקייט. אַט די קינדער וועמענס טאַטעס און מאַמעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אָן שפּורן, מאָנען און פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן אין זיי געדענקען און באַהאַנדלען ווי אייגענע, דערפאַר איז יעטוועדערהילף אַזוי נויטיק.

דער יידישער ישוב אין פראַנקרייך אַ רואינירטער נאָך דער אָקופּאַציע, וועלכער האָט פאַרלוירן מער ווי אַ העלפט פון יידישן ישוב קען נישט אויסטראָגן אַליין די שוועריקייטן פאַר די יידישע קינדער־היימען. מיר מוזן אויך צוטראָגן אַ ציגל צו דעם בנין, און מיט פרייד דאַרף דאָס געטון ווערן. ווי קען דען אַ מענטש זיין זאַט און צופרידן, ווען אונזערע קינדער זאָלן דאַרפן הונגערן, אָדער נישט האָבן די היים, וואָס אַ טאַטע מאַמע וואָלט זיי געגעבן.

איך האָב נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם ענין, און געמאַכט אַ פּראַקטישן אויספיר געזאַמלט 100 פונט אין פאַרלויף פון דריי וואָכן, מיט דער מיטהילף פון אונזערע חברים, און אויך אַוועק געשיקט איבער 100 שפּיל־צייג; זאָלן די קינדער אין די היימען האָבן אַ שפּיל־צייג אויף חנוכה און עפּעס עקסטרע, גלייך ווי דאָס וואָלט אַ מאַמע געטון ביי זיך אין דער היים.

איך בין זיכער אַז קיינער פון אייך וועט נישט בלייבן גלייכגילטיק צו דער פראַגע. זאָל יעדער צולייגן אַ האַנט, אַלץ איז וויכטיק! געלט, ביכער, קליידער, שפּילצייג, וועש, אַלץ קען העלפן צו דערוואַרעמען און דערפרייען די קינדער.

## אַ רעדאַקציע נאָטיץ

די באַריכטן פון די טעאַטער־פּייערונגען אין „ניי־יידישן טעאַטער“ פון „פריינט פון יידיש לשון“ און „ניי יידיש טעאַטער“ און איבער די אויפפירונגען לכבוד די „פּייערונג אברהם גאָלדפאַדנס „שולמית“, און איבער מאַרקאָווס אויפפירונג לכבוד דעם טעאַטער יובילעאום יעקב גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול“ וועלן געדרוקט ווערן אין קומנדיקן נומער „לשון און לעבן“. אויך דער אַרטיקל פון עלעק וואָטערמאַן וועט קומען אין קומענדיקן נומער. אויך די צוויי אַרטיקלען איבער דעם איצט פאַרשטאָרבענעם סאָוויעטישן דיכטער, ע ז ר א פ י נ י נ ב ע ר ג, וועלכער איז געשטאָרבן פון זיינע וואונדן, וואָס ער האָט באַקומען אין קריג, און דעם פּלוצלונג געשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פונם „מאָרגען זשורנאַל“, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט און פּובליציסט יעקב פישמאַן, אין קומענדיקן נומער.

„די קולטור ידיעות פון דאָ“ — קומענדיקן חודש.

דעם באַריכט איבער די לעצטע אברהם רייזען פייערונגען און דעם באַריכט איבער באַערונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע און מענדעלעס געבוירן־טאָג — אין אַ קומענדיקן העפטל...



## קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

לאָדזש. — אַ גרופּע לאָדזשער יידישע שרייבער מיטגלידער פון פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן האָבן זיך באַראַטן וועגן אַרויסגעבן אַן אויסגאַבע געווידמעט דעם אָנדענק פון די שרייבער, זשורנאַליסטן, מאָלער, אַרטיסטן און מוזיקער, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אין לאָדזש און וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט חברים, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאַנד, ווי אויך מיט לאָדזשער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אויסלאַנד וועגן באַטייליקן זיך אין דער אויסגאַבע, וואָס דאַרף זיין אַ דענקמאָל פאַר דעם אַראַגיש־פאַרשניטענעם יידישן שעפערישן לאָדזש.

אַלע פאַרטינטערעסירטע קאָנען שרייבן אויפן אַדרעס פון ליטעראַטן־פאַראיין, לאָדזש, נאַרוטאָוויטשאַ 32 וו׳ 10.

*  *

לובלין. — ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל איז אין פּרץ־הויז אין לובלין פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון אַ יידישער ביבליאָטעק, דאָס האָט אַ לובלינער פאַר־פאָלק, אידל און שרה באָרנשטיין, וועלכע וואוינען איצט אין אַמעריקע, צוגעשיקט אויף דעם אַדרעס פון יידישן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין לובלין 800 יידישע ביכער, בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטלעכע.

אויף דער פייערונג זיינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס די פּרעזידיום־מיטגלידער פון לובלינער קאָמיטעט: מאיר שילדקרויט און פּייוול פריד.

*  *

וואַרשע. — אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן אין לאָדזש איז אָנגעשטאַנען דער געדאַנק אַרויסצולאָזן אין אַ העברעאישן פאַרלאַג אין ארץ־ישראל אַן אַנטאָלאָגיע פון דער סאָוויעטיש־יידישער פּאָעזיע. אַלס איבערזעצער איז אָנגעמערקט געוואָרן דער העברעאישער דיכטער בנימין טענעבוים, וואָס געפינט זיך איצט אין פּוילן, דער מחבר פון דער העברעאישער אַנטאָלאָגיע פון די יידישע שרייבער אין פּוילן.

די איניציאַטאָרן האָבן זיך געווענדט מיט אַ בריוו צום יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און צו דער יידישער סעקציע ביים פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבערוועגן צושיקן די אַנטשפּרעכנדיקע ווערק פון די יידיש־סאָוויעטישע דיכטער.

*  *

וואַרשע. — פון מאָסקווע איז געקומען קיין וואַרשע דער יידישער דיכטער אלחנן וואָגלער, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין ראַטנפאַרבאַנד.

אלחנן וואָגלער, איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און אָריגינעלסטע יידישע דיכטער, האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ ריי נייע פּאָעמעס און לידער.

אינגיכן דערשיינט אין פּאַריז דער ערשטער נומער פון ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן חודש־זשורנאַל „אויפסניי“.

דער זשורנאַל שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו באַהאַנדלען די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן אין פראַנקרייך און אין אַנדערע לענדער, ווידמעט זיין באַזונדערע אויפמערק־

זאַמקייט אַלע פראַגן פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

* *

פּאַריז. — דער באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט און הומאָריסט מ. נודעלמאַן, וועלכער איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק געקומען פון פּוילן קיין פּאַריז, הויבט אָן אַרויסצוגעבן אַ הומאָריסטישן חודש־זשורנאַל „אויף צעפּיקעניש“.

נודעלמאַן האָט די מלחמה־יאָרן פאַרבראַכט אין ראַטן־פאַרבאַנד און איז צוריקקומנדיק קיין פּוילן, געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דעם לאָדזשער יידישן וואָכנבלאַט „דאָס נייע לעבן“ אין וועלכער ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי גלענצענדע פעליטאָנען, וואָס האָבן אָפּגעשפּילט דאָס יידישע לעבן אין היינטיקן פּוילן.

אינגיכן דערשיינט נודעלמאַנס אַ גרעסער בוך מיט דעם כאַראַקטעריסטישן נאָמען „געלעכטער דורך טרערן“ און אַ זאַמלונג פון דעם נאָך־מלחמה'דיקן הומאָר פונם יידישן לעבן אין פּוילן.

* *

טשערנאָוויץ. — נאָכן זומער־איבעררייס האָט די טשערנאָוויצער גרופּע פון יידישע סאָוועטישע שרייבער באַנייט איר מאַסן־אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. אין זאַל פון דעם הויז פאַר פאָלק שאַפונג איז פאָרגעקומען אַן אָוונט פון יידישער ליטעראַטור.

מיט אַ פאָרטראַג וועגן דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור איז אַרויסגעטראָטן דער שרייבער משה אַלטמאַן, דער דיכטער נפתלי הערץ קאָן האָט פאָרגעלייענט אַ ריי לידער, וועלכע זענען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דעם עולם.

* *

ראַטנפאַרבאַנד. — אין קאַבינעט פאַר יידישער קולטור ביי דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון או.ס.ס.ר. (קיעוו) איז די טעג פאָרגעקומען אַן אָוונט. געווידמעט די יידישע דיכטער ב. אָלעווערסקי, ה. דיאַמאַנט און מ. האַרמאַן וועלכע זענען אומגעקומען אין די שלאַכטן קעגן די פאַשיסטן.

* *

קיעוו. — אין די ביכער־קיאָסקן פון קיעווער „סאָיוז־פּעטשאַט“ האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין פאַרקויף די לעצטע אויסגאַבעס פון מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס“. בלויז פאַר עטלעכע טעג זענען אויספאַרקויפט געוואָרן צו 500 עקזעמפּלאַרן ה. סמאָליאַרס בוך „פון מינסקער געטאָ“ און ל. קאַצאָוויטשעס בוך „פון היים צו היים“.

* *

ניו־יאָרק. — דער „איקוף“־פאַרלאַג אין ניו־יאָרק איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון שלום אַש.

די ערשטע צוויי בענדער „דאָס שטעטל“, שלמה נגיד“ און „דאָס געזאַנג פון טאָל“ זענען שוין אין דרוק.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן־סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 9־טן יאַנואַר — א. מ. קייזער: אַ גרוס פון ציון־קאָנגרעס.

שבת, דעם 11־טן — אַ פייערלעכער חנוכת־הבית.

שבת, דעם 18־טן — געטועניע און קומענדיקע טעטיקייט.

שבת, דעם 25־טן — געווידמעט די לאָנדאָנער שרייבער.



P. & P. METALWARE
AND ENGINEERING CO.
1, (rear) EVELYN STREET,
DEPTFORD, S.E.8.
Tel.: BERmondsey 1681.

ספּעציאַליסטן פון לייכטע קאָנסטרוקציאָנס־אַרבעטן, אויטאָגניש שווייסן, מאַשינען פאַרריכטונגען און עלעקטר. אינסטאַלאַציעס.

ווערקס־מענעדזשער :— א. פּאַלושאַק

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש

דער „מאָרגען - זשורנאַל“ פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

דער „מאָרגען - זשורנאַל“ איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די „מאָרגען - זשורנאַל“ לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאַראויס אַ טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר אַ יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אַדרעס :

*JEWISH MORNING JOURNAL,* Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

## וויכטיק פאַר די לייענער פון „לשון און לעבן“

ווי באַוואוסט נעמט אָן דער זשורנאַל „לשון און לעבן“ צו דרוקן יעדן מין געזעלשאַפטלעכן און געשעפטלעכן אָנאָנס פון אַ גאַנצער זייט, וואָס דער פּרייז איז 10 פונט, ביז צו אַ קליינעם אָנאָנס פון 4 שורות פאַר 10 שילינג. יעדער אָנאָנס איז אַ ביישטייער און אַ בוי־שטיין פאַרן ווייטערן אויפבוי פונם זשורנאַל „לשון און לעבן“.

יידישער טעאַטער „גרענד פּאַלײ“, קאָמערשל רויד, א.1

מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּעל
טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע
טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30

## וויכטיק פאַר די לייענער פון „לשון און לעבן“

ווי באַוואוסט נעמט אָן דער זשורנאַל „לשון און לעבן“ צו דרוקן יעדן מין געזעלשאַפטלעכן און געשעפטלעכן אַנאָנס פון אַ גאַנצער זייט, וואָס דער פּרייז איז 10 פונט, ביז צו אַ קלײנעם אַנאָנס פון 4 שורות פאַר 10 שילינג. יעדער אַנאָנס איז אַ ביישטייער און אַ בוי־שטיין פאַרן ווייטערן אויפבוי פונם זשורנאַל „לשון און לעבן“.

## וויכטיק פאַר אונז און פאַר אונזערע לייענער

מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן און צושיקן אדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אַן אינטערעס פאַר אונזער זשורנאַל און אַזוי אַרום שטאַרקן אונזערע קולטורעלע ארבעט. איר קענט פאַרשטיין, אַז ביי אונזערע לאָקאַלע באַדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אדמיניסטראַטיוון און טעכנישן אַפּאַראַט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאַר אַזאַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל. „לשון און לעבן“, וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה־יאָרן מיט אַזוי פיל האַרעוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב, און וואָס האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאַנד און מוז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש־רעדנדיקן ענגלאַנד.

אונזערע חשובע אַבאָנענטן, וועלכע באַקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאַל און האָבן נאָך נישט באַצאָלט דעם אַבאָנענטס־פּרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באַטרעפענדע סומע:

13/6 פאַר אַ יאָר. אין אויסלאַנד 3 דאָלאַר.

אין אַלע ענינים זיך צו ווענדן צו אונדזער גייעם סעקרעטאַר נחום שטענצעל

N. STENCEL, 7 Glasslyn Road, London, N.8.

די רעדאַקציע

# לשון און לעבן.

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג פעברואַר 1947 לאָנדאָן **נומער 2** (העפט 85)

## א לייטישער לייט־ארטיקל ווי ביי לייטן....
## אדער דער ביולעטין פון י.ל.ש.ג. פאַרן לעצטן חודש

1. צו דער דיסקוסיע יידיש און העברעאיש

נאָך דעם האַזאַרד פון רעפעראַטן און רעדעס, פון דרשות און דיסקוסיעס, אין וועלכעס איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין די לעצטע וואָכן, אין די צוויי פּראָפּאַגאַנדע חדשים, וועלכע זיינען דערקלערט געוואָרן פון „פריינט פון יידיש לשון“, — אָנהויבנדיק מיט דער היציקער דיסקוסיע: „די צוקונפט פון יידיש“ אינם „אַנגלאָ־פּאַלעסטיניען־קלאַב“. די פריינטלעך געפּראַוועטע גלעזלעך טיי פאַר די אַדורכפאָרנדיקע שרייבער־געסט פון ארץ ישראל צום קאָנגרעס אין באַזעל; — נאָך דעם האַזאַרד, בין איך ממש נישט פעאיק צו פאַרטראַכטן אַ לייטישן זאַץ פאַר מיין לייט־אַרטיקל. — „דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמר בכתב“! וואָרים נישט נאָר ווערט דאָס וואָרט צעקאָלעטשעט אינם קאַמף, נאָר אפילו דאָס האַרץ צומאָל; אפילו ווען דו ביזט עס, וואָס דו טרעפסט אינם פינטל.

גאַנץ אַנדערש זיינען געווען די י. ל. פרץ פייערונגען פאַר 2 יאָר, די שלום עליכם פייערונגען פאַר אַ יאָר און היי־יאָר די רייזען פייערונגען; זיי האָבן זיך אויך געצויגן צו צוויי חדשים, זיינען אויך אויסגעפילט געווען מיט רעדעס און רעפעראַטן, אָבער דאָס זיינען נישט געווען קיין ווילדע האַזאַרד־נעכט פון „פּאַסקעס שפּילער“. דאָס זיינען געווען דערהויבענע אָוונטן פון יובל און געזאַנג — די ווערטער אין דיר פלאַטערן אויף און דו פלאַטערסט מיט זיי, און דו ביזט איינס מיט זיי! און אויב זיי ווערן נישט אויפגעשריבן, זיינען זיי ווי יונגע פייגעלעך־עופעלעך, וואָס ווילן זיך נאָך וואַרעמען ביים פלאַטער פון דיין האַרץ; מיט זייער פוכיקער וואַרעמקייט, דערוואַרעמען דעם גליווער פון דיין האַרץ.

וואָרים באמת, קאָן מען דען עפּעס מער אויפטון מיט פּראָפּאַגאַנדע רעפעראַטן און מיט דיסקוסיע־דרשות, ווי דעם געגנער נאָך מער אויפצורייצן און זיך אַליין ווי אַ בייזן הונט אויף דער קייט צוצורייצן? ווייסן מיר דען נישט געניי דעם נידריקן מצב און דעם מאוסן מעמד אונזערן, דאָ אין אונזער ישוב, בנוגע יידיש און יידיש קולטור.....

מיר, „פריינט פון יידיש לשון“, מיר האָבן נישט קיין שום פאַנטאַזיעס